STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05145

KROYVIM

Boris Mogilner

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

№ 11 ביבליאָטעק פון „סאָוועטיש היימלאַנד״

בײַלאַגע צום זשורנאַל נום. 11, 1980

באַריס מאָגילנער

קרויווים

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״ • מאָסקווע • 1980

אונטער דער אלגעמיינער רעדאקציע
פון ארן ווערגעליס

באָריס מאָגילנער איז געבוירן געוואָרן אין 1920 אינעם שטעטל סלאָוועשניע (אוקראַינע). געענדיקט א ייִדישע מיטל־שול. זיך געלערנט אין קאַזאַנער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. אָנטיילגענומען פון דער גרויסער פּאָטערלענדישער מילכאָמע. נאָכן זיג פאַרענדיקט די לעניגראַדער וואלד־טעכנישע אקאַדעמיע. העכער צוואַנציק יאָר אונטערריכט אין מוראָמער און באַלאַשאָווער פּעדאַגאָגישע אינסטיטוטן. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1934. פאַרעפנטלעכט לידער און פּראָזע־ווערק אין די פּעריאָדישע אויסגאַבעס „זײַ גרייט!“, „יונגע גוואַרדיע“, „פּאַרמעסט“, „סאָוועטיש היימלאַנד“, „ביראָבידזשאַנער שטערן“. וווינט אין מאָסקווע.

א אונטערזוכונג

אױף א הױכן שטול, מיט דער פּלײצע צו דער טיר, זיצט דאַניִעל. דאָס פּענדזל איז פֿאַרקלעמט צװישן זײַנע לאַנגע װײַסע פֿינגער. א פּאָר־גליװערטער לעבן מאָלבערט, פֿילט ער ניט, אַז עמעצער איז געבליבן שטײן אױף דער שװעל.

פֿאַיִנע איז אױך פֿאַרשטאַרט. פֿונעם לײַװנט, לעבן װעלכן ס'זיצט פֿאַר־קלערט דער מאַן, קוקט אױף איר אומעטיק אַן אָסינע־װעלדל אונטער א ני־דעריקן אָנגעכמורעטן הימל. עס דוכט זיך, אַז באַלד װעט דאָרט א גאָס טאָן א רעגן, א קאַלטער, עפּשער אַפֿילע מיט האָגל־פּערעלעך. אױף א רעגע װײַזט זיך אױס פֿאַיִנען, אַז זי אַלײן, װער װײסט װיאַזױ, געפֿינט זיך אױפֿן ראַנד פֿון אָט דעם װעלדל, און דער מאַבל, װאָס װעט באַלד א פֿלײץ טאָן, װעט אױך זי פֿאַרכאַפּן, און זי װעט זיך פֿאַרכלינען מיט דעם צעבושעװעטן װאַסער־שטראָם. פֿאַיִנע הױקערט זיך אײַן און טוט ניט װילנדיק א סקריפּע מיט דער דיל־ברעט.

— א, דאָס ביסטו, — רעדט אַרױס דאַניִעל, װען ער דערזעט די פֿרױ. — קום אַרײַן.

— װונדערלעך! — רופֿט זיך אָן פֿאַיִנע, צוזשמורענדיק די אױגן. דאַניִעל באַמערקט עטװאָס צעמישט:

— ס'געפֿעלט דיר? טאַקע אינדערעמעסן? בין איך צופֿרידן. זעץ זיך צו.

פֿאַיִנע רוקט צו צו זײַן שטול א נידעריק בענקעלע, און דאַניִעל גלעט בײסמײַסע די גרױסאַרטיקע װאָנצעס, װעלכע פֿאַרדעקן אינגאַנצן די אײ־בערשטע ליפּ. װען פֿאַיִנע מאָסטעט זיך צו דערנעבן, אַרױפֿלײגנדיק דעם עלנבױגן אױף זײַן קני, טוט ער טיף א זיפֿץ:

— איך בין דאָך אױסגעװאַקסן אין װאַלד, צװישן בײמער. די עספּעס האָב איך ליב מער פֿון אַנדערע, זײ זײַנען אַזעלכע אײדעלע, צאַרטע. מיר דוכט, אַז איך הער אַדהײַעם װי זײ רױשן...

— באַהאַלטסט אױס פֿון מיר דײַנע טאַלאַנטן, — שמײכלט פֿאַיִנע. — װיפֿל איך לעב שױן מיט דיר, און כ'האָב אַפֿילע ניט כױשעד געװען, אַז

אין דיר איז פֿאַרבאָרגן אַ פּייזאַזשיסט. כ׳בין געוועז איבערצײַגט, אַז דו ביסט פֿייִק צו שאַפֿן בלויז פּאָרטרעטן.

דאַניִעל טוט אַ קוק אויף זײַן ווײַב, אַרומנעמענדיק זי מיט די גרויסע, דאָרשטיקע שוואַרצאַפּלען, האַגאַם קיין קורצזיכטיקער איז ער ניט.

— יעדער קינסטלער מוז פֿילן די נאַטור, — ענטפֿערט דאַניִעל, ווישנ־דיק אין ליפּ אָן דער צווייטער. — זי איז אייביק, אופֿריכטיק און פֿעלדזנ־פֿעסט. און אַ רויִקע, אויב דו ווילסט וויסן.

גערעדט האָט דאַניִעל וועגן דעם אַזוי, גלײַך ער וואָלט געפּרוווט איבערצײַגן זיך אין דעם, אין וואָס ער אַליין איז ניט זיכער.

— זיי זײַנען גאָר ניט אַזעלכע רויִקע, דײַנע אָסינקעלעך. זעסט, ווי זיי ציטערן? — דערווידערט פֿאַיִנע, שמייכלענדיק בלויז מיט די ווינקלען פֿון די אויגן.

— זאָלן זיי טאַקע אַ ביסל ציטערן, נישקאָשע. ס׳וועט זיך ענדיקן דער געוויטער, די זון וועט זיך באַווײַזן, און ווידער וועט איבער זיי שײַ־נען אַ ריינער, לויטערער הימל.

— פֿונדעסטוועגן איז בײַ זיי די שטימונג אַ ביטערע. ווייסט עס ניט פֿאַרטײַען. עך, דאַניע, דאַניעטשקע, דײַן סטיכיִע איז דער מענטש. ס׳איז טאַקע אַ פֿײַן וועלדל, גוט געמאַכט. נאָר מענטשן באַקומען זיך בײַ דיר בעסער. דײַן וועלדל איז ניט מער ווי אַ פּרוּוו צו אַנטלויפֿן פֿונעם מענטשן... וועמען נאַרסטו אָפּ?

— ס׳איז דען איצט וויכטיק, וואָס עס באַקומט זיך בײַ מיר בעסער? ניט אין דעם גייט עס. ווער דאַרף איצט האָבן מײַנע פּאָרטרעטן און מײַנע פּייזאַזשן? קיינער ניט...

— באַרויִק זיך, איך בעט דיך, — רעדט שטיל אַרויס פֿאַיִנע, נאָר דאָס רעגט נאָך מער אויף דאַניִעלן.

— אינטערעסירט זיך הײַנטיקע צײַט עמעצער מיט קונסט? ניין! שוין דער ווי־פֿלטער כוידעש, אַז עס האָט זיך אײַנגעשטעלט די ראַטנמאַכט, און קיינער פֿון די נײַע באַלעבאַטים איז צו מיר ניט אַרײַנגעקומען! עפּשער שטאַרב איך פֿון הונגער?

ער טוט אַ פֿיר מיט די אויגן איבער די בילדער, מיט וועלכע עס זײַ־נען באַהאַנגען די ווענט, און פּרוּווט שטילן זײַן אויפֿרעגונג.

— ניט אין דעם גייט עס. אויף ברויט, טײַערינקע מײַנע, וועלן מיר פֿאַרדינען. כ׳בין ניט קיין שלעכטער בלעכער, און אויסגרונטעווען, אויס־

קאַלכן, אויספאַרבן אַ וווינונג וועל איך אויך קאָנען. כ׳האָב מוירע פאַר אַ צווייטער זאַך: מע זאָל בכלל די קונסט ניט אַרויסשליידערן אין מיסטגרוב. ווער וועט זי פאַרשטיין, די קונסט?

— און דו פאַרשטייסט? — באַווייַזט פאַינע איר ווייכן שמייכל, וועלכן דאַניעל האָט אַזוי ליב. — אָבער דו ביסט דאָך, אייגנטלעך, דער זעלבער פּאַשעטער באָסאָר־וועדאָם, ווי טויזנטער אַנדערע, האָסט דאָך אַליין ניט לאַנג צוריק די צעריסענע קאַפּאָטע מיט דער פאַרשמאָלצענער יאַרמלקע פון זיך אַראָפּגענומען. ניט איך דאַרף דיר דאָס דערציילן...

דאַניעל הייבט זיך אויף פון עם שטול אַ באַרויגעזער. עס איז קימאַט אומבאַגרייַפלעך, וואָס זי, די סאָכרישע טאָכטער, לערנט באַלעק מיט אים, דעם זון פון אַ קליינשטעטלדיקן אָרעמאַן. נאָר אַזוי האָט זיך שוין באַקומען, אַז דאָ, אין מוראָם, אין סאַמע געדיכטן רוסלאַנד, אַף די ברעגן פון עם טייַך אָקאַ, וווּ אירע אָוועס האָבן זיך איינגעפונדעוועט נאָך אין פאָריקן יאָרהונדערט, איז פאַינע געווען באַפרייַנדעט מיט מענטשן פאָרויסגעשרייטענע, נאָענטע צו דער רעוואָליוציע, און איר נעשאָמע האָט פיל פון דעם געיאַרשנט. ער פאַרשטייט, אַז פאַינע האָט רעכט אים צו מוסערן, דאָך שרייַט ער אויס:

— סייוויי וועל איך אָוועקוואַרפן צו אַלדי רוכעס מייַן פּאַטשקערייַ!

פאַינע הייבט זיך אויך אויף, לייגט אָוועק די דלאָניטשקע אַף דעם מאַנס אַקסל, קוקט אַרייַן אין זייַן פּאָנעם פונונטן אַרויף.

— פרישטיקן, — באַפוילט זי בעטנדיק. — איך בין דאָך געקומען איינלאַדן דיך צום טיש.

דער קינסטלער באַגעגנט זיך מיט אירע בליקעס, ווי צוויי סאַפּפירן, אויגן און נייגט אָן דעם קאָפּ.

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן פרישטיק, גייט דאַניעל אַרויס אין דרויסן, שטייט אַ ביסל אינמיטן הויף, גלעטנדיק מיט האַנאָע דאָס בייַכל, וואָס הייבט שוין אָן צו ווערן קייַלעכדיק. ווי באַשטימט בא זיך וועגן עפּעס, קומט ער צו צו די קלומבעס און נעמט באַטראַכטן די פאַרפלאַנצטע בלומען.

די היץ האָט ביסלעכווייַז אָפּגעסמאַליעט די בלעטלעך פון די רויזן. זייערע בלענדנדיקע פאַרבן, אין וועלכע דאַניעל האָט אָפּטמאָל זיך געשפּיגלט, זייַנען אַנטרונען, גלייַך די בריענדיקע שטראַלן פון דער זון וואָלטן

זיי אויסגעלעקט. בלויז די ציניעס, אַט די שווערע צונטער־רויטע קווייטן, שטייען פריש און גאַדלעסדיק אין זייער אומבאַריִרטער שיינקייט.

— עפשער וואָלסטו זיך צוגעלייגט אָפּרוען? — דערהערט דאַניעל פאַינעס שטים. פאַינע קומט אַרויס אפן גאַנעק מיט אַ טעלער און מיט אַ האַנטעך אין די הענט, ווישט דאָס געפעס.

— די רויזן, אונדזערע רויזן, קומען דאָך אום.

— וואָס זשע זאָל מען טאָן? מיר האַלטן אין איין באַגיסן זיי. יעדן טאָג צו פינף צעבערס וואַסער.

דאַניעל כאַפּט אַ קוק אפן פעסל לעם דער שטאַל און באַמערקט, אַז דורך די שפּאַרונעס רינט ביסלעכווייז אַרויס דאָס וואַסער. גייט ער צו נעענטער, זעצט זיך צו אף די שפּיץ פינגער און טאַפּט אויס די רייפן פון פעסל. עס וואַקסט אויף אין אים דער באַלמעלאָכע.

אַ שאָ אָנדערהאַלבן פאַרעט ער זיך, ביזוואַנען ער ברענגט אין אָרדענונג די קיילע. ער איז פאַרשוויצט, איינגעמידט, נאָר אים גלוסט זיך נאָך און נאָך עפעס טאָן, האָרעווען אַזוי, עס זאָלן נאָכדעם זיס, מיט האַנאָע ווײ טאָן די דלאָניעס.

— פאַניעטשקע, האָסט עפשער אַ פּאָר עמער אף צו פאַריכטן? ברענג זיי אַהער...

ער איז פאַרכאַפּט מיט זײַן אַמאָליקן פאַך, ער איז צופרידן, וואָס ער האָט גאָרניט פאַרגעסן, ניט צעטרענצלט באַם מאָלבערט זײַן פריִערדיקע געשיקטקייט, און ער קאָן זיך שטעלן אַרבעטן באַנאַנד מיטן בעסטן בלעכער.

שפּעט באַנאַכט קומען צו זיי אַרײַן דרײַ רויטאַרמייער פון דער קאַראַוול־ראָטע מיט אַ אונטערזוכונג.

אַרײַנלאָזנדיק זיי, כמורעט זיך דאַניעל אָן, און ער זשמורעט צו די אויגן, ווען איינער פון די רויטאַרמייער הייבט אויף צו זײַן פּאָנעם אַ לאַמטערן מיט אַ פײַטלענדיק פײַערל. די שײַן, ניט קיין שאַרפע, איז אָבער אַן אומאָנגענעמלעכע, און אָפּווענדנדיק פון איר זײַנע פאַרשלאָפענע אויגן, באַמערקט דאַניעל אַ גרויס כיין־פינטל אף דער רעכטער באַק פונעם רויטאַרמייער. דאַניעל הייבט אָן פאַריכטן די אַרבל און דעם קאָלנער פון זײַן כאַלאַט, וועלכן ער האָט אין אײַלעניש אף זיך אָנגעצויגן.

ער מאכט עטלעכע טריט צוריק, ניט אופהערנדיק באטראכטן דאָס אומגעווײנלעכע כײן־פּינטל באַם רויטארמײער.

דער סאָלדאַט באַמערקט דאַניעלס בליק און טײַטשט אים אויס אַף זײַן אופן.

— שרעקט זיך ניט, איך בעט אײַך, — רעדט ער ארויס, סטאַרענדיק זיך מאכן אַ ביסל װײכער די גראָבלעכע שטים.

דאַניעל טוט אַ הוסט. ער װײסט, אַז אין שטאָט קומען פאָר אונטערזוכונגען, און ער נעמט אוף די באַנאַכטיקע געסט גאַנץ רויִק, װײַל אים איז ניטאָ אין װאָס כּוישעד צו זײַן.

אין קעלער, װוּהין די רויטארמײער לאָזן זיך אַראָפּ, קלאַפּנדיק מיט די אונטערגעקאָװעטע אָפּצאַסן אין די טרעפּ פונעם שמאָלן לײטער, װערן זײ איבעראַשט. זײ דערזעען דאָ קאָלערלײ געצײַג — בלעכערשן, באָנדערישן, סטאָליערישן — און באַקוקן אָפּסנײַ דעם באַלעבאָס. דאַניעלס אויסזען פאַרט זיך לאַכלוטן ניט מיטן געשטאַלט פון אַ באַלמעלאָכע.

דער רויטארמײער מיט דעם כײן־פּינטל אַפן פּאָנעם זאָגט ארויס אַ האַשאָרע:

— אַ ספּלוטאַטאָר, קענטיק.

— פאַרשטײט זיך, — איז מאַסקים דער, װעלכער שטײט באַנאַנד מיט דאַניעלן און פאַריכט מיט אַ לײַכטער באַװעגונג דעם רימען פון דער ביקס.

דאַניעל טוט װידעראַמאָל אַ הוסט, פּרעסט צונויף די ליפּן אונטער די פּוכקע װאָנצעס. אים װילט זיך ניט פאַרפּירן קײן סיכסעך מיט די רויטארמײער, ער קלײַבט זיך ניט אַפילע דערקלערן די ניטגעבעטענע געסט, אַז מיט אָט דעם געצײַג באַשעפטיקט ער זיך אַלײן, קײנעם עקספּלואַטירט ער ניט.

די פרויען, דאַניעלס מאַמע און פּאַיִנע, גײען אויך אַראָפּ אין קעלער. זײ ציטערן בײדע פאַר שרעק, און דאַניעל באַמערקט, װי דאָס לעמפּעלע מיטן פאַרויכערטן גלאָז האַלט אין אײן אונטערטאַנצן אין דער מאַמעס הענט.

— פאַרװאָס שלאָפט איר ניט, מאַמע? — רופט זיך אָן דאַניעל.

— מע קאָן דען שלאָפן, װען אין שטוב דרײען זיך ארום פרעמדע מענטשן מיט ביקסן?! — ענטפערט אָפּ די אַלטע.

די רויטאַרמייער טאַפּטשען זיך אויף איין אָרט. זיי זײַנען עטוואָס פֿאַר־וווּנדערט, וואָס בײַ אַזאַ מין פֿאַרשווינדל, ווי אָט דער פּעמפּיק, איז די מו־טער אַ געוויינלעכע, פּראָסטע פֿרוי, גאַנץ ענלעך אויף זייערע אייגענע מאַ־מעס. און אויסגעזידלט האָט זי זיי אויך אַזוי, ווי זייערע מאַמעס.

— וואָס זשע, קינדער מײַנע, לאָזט איר ניט מענטשן צורו? ווי שעמט איר זיך ניט?

דער רויטאַרמייער מיטן כיין־פֿינטל אויפֿן פּאָנעם דערקלערט דער אַל־טער, ווי ער וואָלט זיך פֿאַרענטפֿערט פֿאַר איר:

— קיין גרויס פֿאַרגעניגן פֿאַרשאַפֿט עס אונדז ניט, מוטער, נאָר מיר מוזן. עס זײַנען פֿאַראַן, הייסט עס, אַזעלכע, עסערן רופֿט מען זיי, און נאָך אַנדערע סאָנים, וואָס ווילן אַלץ אומקערן אַפּצוריק, הייסט עס, אַרופֿצי̇ען אויף דעם פּראָלעטאַריער און אויף דעם פּויער אַ שלייף. מוזן מיר, הייסט עס, וועַר ווייסט...

ווײַטער איז די אונטערזוכונג דורכגעגאַן שטיל. דאַני̇על באַווײַזט די רויטאַרמייער איין צימער נאָכן צווייטן און, נאָכשפּירנדיק נאָך די אונ־טערזוכער, קלערט ער, אַז זיי פֿילן אויס גאַנץ ערלעך זייערע פֿליכטן. ער פֿאַרשטייט נאָר ניט, פֿאַרוואָס זיי זײַנען אַזעלכע רוי̇קע. ער הייבט אָן אַפֿילע מיטפֿילן די רויטאַרמייער. אים דוכט זיך, אַז זיי זײַנען צו זאָרגלאָז. ער ווייסט ניט, אַז זיי האָבן זיך באַוואָרנט — פֿאַרגענומען אַלץ, קיינער זאָל ניט קאָנען אַרויסטראָגן פֿון שטוב געווער אָדער אַנטלויפֿן: אין הויף און אויף דער גאַס זיצט באַהאַלטן אַ גאַנצע אָפּטיילונג רויטאַרמייער.

באַם אַרײַנגאַנג אין זײַן אַטעליע שטעלט זיך דאַני̇על אַוועק אין אַ זײַט, לאָזט דורך פֿאָרויס די רויטאַרמייער. זיי הייבן אָן פֿאַרגאַפֿט זיך אַרומצוקוקן.

— איקאָנעס?! — שטאַמלט אַרויס איינער פֿון זיי. — מיט וואָס באַשעפֿ־טיקסטו זיך, בירגער? — פֿרעגט ער בײַ דאַני̇עלן, וועלכער איז אויך אויפֿ־גערודערט פֿונעם אײַנדרוק, וואָס זײַנע בילדער האָבן געמאַכט אויף די געסט.

— איך מאָל, — ענטפֿערט דאַני̇על.

— זי! ס'איז זי! — שרײַט אויס דער רויטאַרמייער מיטן כיין־פֿינטל אויף דער באַק. — טוט אומיסטן אַ קוק!

אַלע אייניקעם באַקוקן פֿאַרגאַפֿט דעם פּאָרטרעט פֿון אַ פֿרוי. זי זיצט אָנגעטאָן אין אַ בלויִ קלייד, אַרופֿגעלייגט די אָנגעהאָרעוועטע הענט צו

זיך אויף די קני. עפּעס קימערט זי, אַ טרויעריקער געדאַנק ליגט אויף איר געזיכט, און, ווײַזט אויס, אַז דאָס האָט ער טאַקע, אָט דער געדאַנק, אויסגעקריצט אויף אירע באַקן טיפֿע קנייטשן. וואָס פֿאַר אַ ווייטעקן מאַטערן זי? ווער ווייסט? ווייניק צאָרעס וואַלגערט אַרום דאָס לעבן אויף די אַקסלען פֿון אַ פֿרוי?

פֿאַרזיכטיק ציִען אַראָפּ די סאָלדאַטן די היטלעך פֿון זייערע קעפּ. אין דער ראַם אַנטקעגן זיי איז אַרײַנגעשטעלט דער פּאָרטרעט פֿון דאַניִעלס מוטער. נאָרוואָס האָט זי מיט זיי גערעדט, אַ לעבעדיקע און געוויינלעכע, און אָט קוקט זי ווידעראַמאָל אויף זיי, זי — און ניט זי, אַזאַ מין לעבעדיקע און פּאָשעטע, אָבער אַ שווײַגנדיקע, אַ וווּנדערבאַר־שיינע, און זייער אַ נאָענטע, ווי די אייגענע מאַמע.

— מאַמעש אַ נעס!

דאַניִעל באַמערקט ניט, ווען עס געהערן אָט די ווערטער. טרערן פֿאַרגיסן זײַנע אויגן. זײַנע בילדער פֿלעגן אָפּט אַרויסרופֿן אַנציקונג, נאָר דאָס, וואָס עס קומט פֿאָר איצט, פּאַסירט אין זײַן לעבן דאָס ערשט מאָל. ניט קיין קונסטקענער, ניט קיין פֿײַנשמעקער! די פּאָשעטסטע פֿון די פּראָסטע דעקן אָפּ די קעפּ פֿאַר זײַן קונסט. אים ווערט מיטאַמאָל קלאָר, אַז ער מוז מאַכן פֿאַר אָט די מענטשן אַ קליינינטשקן יאָמטעוו, און ער טוט אַ רוף:

— פּאַיִנע, פּאַניעטשקע, ברענג אַהער לײַכטער! לעמפּ צינד אָן...

אין דער פֿײַערלעכער אילומינאַציע פֿון ליכט און לעמפּ ווערט דאַניִעלס אַטעליע פֿאַרוואַנדלט אין אַ וווּנדער־מײַסעלע. אַליין דער קינסטלער האָט קיינמאָל ניט געזען זײַנע בילדער אין אַזאַ מין גרויסאַרטיקײַט. ער האָט אַ באַגײַסטערטער געפֿירט די רויטאַרמייער פֿון איין לײַוונט צום צווייטן, אײַנגערוימט זיי אַזעלכס, וואָס קיין איין עקסקורסיִע־פֿירער אין דער וועלט וואָלט זיך צו דעם ניט דערטראַכט.

אייִנער פֿון די רויטאַרמייער שלעפּט אַרויס אַ קיסעט פֿון דער קעשענע, פֿאַרייכערט, אָט פֿאַרדרייט שוין דער צווייטער אַ ציגאַרעל, און דער דריטער האַלט שוין אַ שטיקל צײַטונג, נעמט דאָס אָנשטאָפּן מיט מאַכאָרקע. אַ רויכל שווימט אין דער אַטעליע.

דאַניעל באַטראַכט זײַנע ניטגעבעטענע געסט, און בײַ אים אויפֿן האַרצן ווערט שטאַרק וואַרעם. וואַרעם און גוט.

— נו, וואָס האָב איך דיר געזאָגט, דאניעז? — דערהערט זיך פאַנעס קאָל.

— ביסט גערעכט, ווי טאָמיד, — רופט זיך פריידיק אָן דאניעל. — די שיינקייט וועט ניט אומגעבראכט ווערן פון אונדזער ערד.

אַף מאָרגן איז אין מוראָם אויסגעבראָכן אַן עסערישער אופשטאנד. קימאט די גאנצע רויטארמייִשע קאַראול־ראָטע איז אומגעקומען אין גע־ראנגל מיט די באנדיטן.

דאניעל איז אַרײַנגעפאלן אין ייִעש: צי דען זײַנען ניטאָ שוין אַף דער וועלט אָט יענע, וואָס האָבן מיט אזא אורשפּרינגלעכער פרייד גע־קוקט אַף זײַנע בילדער בייס דער באנאכטיקער אונטערזוכונג?

אין עטלעכע טעג ארום האָבן די ארבעטער־אָטריאַדן פון די ארומיקע שטעט — וויקסע, נאוואשינאָ, ניזשני־נאָווגאָראָד — צעקלאפּט די עסערן, ארויסגעשלײַדערט זיי פון מוראָם.

דאניעלן טוט א צי אין גאסן. ווי שטענדיק, נעמט ער מיט זיך אלץ, וואָס מע דאַרף צוליב זײַן ארבעט, און גייט ארויס אין שטאָט. ער שפּארט אָן אזש אין צענטער פון מוראָם, צום מארק־פּלאץ, וועלכער איז שטענדיק פול געפּאקט. א סאך מענטשישע שטריכן האָט דער קינסטלער זײַנערצײַט געיארשנט אַף אָט דעם פּלאץ. איצט שפּרודלט דער מארק־פּלאץ מיט נײַע רוישן, מיט נײַע לײַדנשאפטן.

מיטאמאָל ווערט שטארק שטיל. א רויטארמייער אין א לעדערן רעקל הייבט זיך אוף אַף א גרויסער ביר־פאס לעם שטיינערנעם טויער, רײַסט אראָפּ פונעם קאָפּ די הוט און הייבט אָן ריידן מיט א הייזעריקלעכער שטים.

— כאווײרים, אין מאָסקווע איז פּאָרגעקומען אַן אטענטאט אַף אונד־זער פירער, אַף לענינען! ער איז שווער פארוווּנדעט...

דאניעל שטופּט זיך דורך נעענטער צום רעדנער און דערקענט אים באלד: דאָס כיין־פינטל זעט זיך אָן אַף זײַן ציטערנדיקער באַק.

דאניעל דערפילט, ווי די הענט זײַנע בעטן זיך מאָלן, און ער צעעפנט דאָס קעסטל מיט דער פּאליטרע און מיט די פּענדזלען. ער איז נאָך ניט זי־כער, צי עס איז טאקע אזוי, נאָר עפּעס זאָגט אים אונטער, אז אָנהייבנדיק אצינד מאָלן דעם פּאָרטרעט פונעם פּאָשעטסטן צווישן די פּראָסטע, דער־

נעענטערט ער זיך צום פירער, וועלכער ליגט ווײַט פונדאנען א פארוווּנ־דעטער. און עפשער טאקע וועט ער, דאניִעל, נאָך דערגיין צו אים אמאָל, אלץ איז מעגלעך. אלנפאלס, ער וועט זיך סטארען דערגיין...

טאָמיד פרישע ווערטער

זי שלאָפט שוין ניט די פערטע נאכט.

דער פּראָפעסאָר, וואָס איז די אלע דרײַ מעסלעס אויך ניט ארויס פונעם צימער, טוט פארוווּנדערט א קוק אף נאדיעזשדא קאָנסטאנטינאָווּנען. גלײַך ער זעט זי דאָ צום ערשטן מאָל, קוקט ער ארײַן אין אירע אָנגעשוואָלענע, רויטע, אומבאקאנטע אָן ברילן, אויגן.

— איצט מעגט איר זיך אָפּרוען, — טוט ער טייקעף א זיפץ. — די געפאר איז פארבײַ.

נאָר זי בלײַבט זיצן אף איר אָרט, גלײַך די ווערטער פונעם פּראָפעסאָר זײַנען צו איר ניט דערגאנגען. אינדערעמעסן האָט זי גוט געהערט, וואָס איר איז געזאָגט געוואָרן, נאָר ס'איז איר פּאָשעט שווער געווען צו גלייבן, אז ס'איז אדורך די סאקאָנע. איבערלאָזן לענינען אינעם פארטונקלטן קאבינעט האָט נאדיעזשדא קאָנסטאנטינאָווּנא ניט געקאָנט, כאָטש כוץ איר איז דאָ, באם טיש, א באלויכטענעם מיט א שוואך קאנעצל, געזעסן א פעלדשערקע.

לענין, וואָס איז שוין, קענטיק, ארויס א זיגער אינעם געראנגל מיטן טויט, וואָלט געווּיס, ווען ער זאָל וויסן, געוואָרן בארויִגעז אף איר, וואָס זי לייגט קיין אכט ניט אף דעם פּראָפעסאָרס אייצע, ער וואָלט אומבאדינגט איר געזאָגט, אז זי מוז גיין שלאָפן. זי האָט זיך מיטאמאָל דערמאָנט, ווי־אזוי אים, וואָלאָדיען, איז מיט פינף יאָר צוריק געלונגען אײַנרעדן זי מאסקים צו זײַן אף אן אָפּעראציע, כאָטש זי אליין האָט געציטערט און לעכאטכילע ניט געוואָלט געבן די האסקאָמע. וואָלאָדיעס ברודער, דמיטרי איליטש, א דערפארענער דאָקטער, האָט גראָד ניט געייצעט זי אָפּערירן.

דעמלט, אין יול נײַנצן הונדערט דרײַצן, פארשטייענדיק, אז קיין בעסערע האָפענונג פאָטער צו ווערן פון איר באזעדאָווער קרענק איז ניטאָ,

האָט וולאַדימיר איליטש זי געבראַכט צו פירן קיין בערן, צום שווייצישן כירורג קאָכער און איז פיל טעג אָפּגעזעסן בא איר בעט אין דעם פּראָפּע־סאָרס קליניק, ביז זי האָט זיך נאָך דער אָפּעראַציע ניט געשטעלט אַף די פיס. ווי זי אַצינד לעבן אים, אַזוי האָט ער לעבן איר געוואַכט אומופּהער־לעך יענעם זומער. זײַן האַנט איז דאַן לײַכט און איידל געלעגן אַף איר דלאָניע. איר איז געווען שווער צו ריידן און אַלץ, וואָס זי האָט געדאַרפט, פלעגט זי אים אַרויסזאָגן מערסטנטייל מיט אָט דער דלאָניע, מיט פאַרשיי־דענע באַוועגונגען. און ער האָט אַלץ פאַרשטאַנען. עמעס, געהאָלפן האָבן אים אויך אירע אויגן. ער האָט טאָמיד ליב געהאַט אַרײַנצוקוקן איר אין די אויגן, ווען ער האָט עפּעס געפרעגט בא איר, אָדער ווען ער פלעגט מיט איר עפּעס אײַנטײַנען.

איצט וויל נאַדיעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ שטילערהייט אַרופלייגן איר דלאָניע אַף זײַן האַנט און גלעטן זײַנע אומבאַוועגלעכע פינגער. זי האָט אָבער מוירע אים אופוועקן. זי הערט זיך צו, ווי וולאַדימיר איליטש אָטעמט. טאַקע גרינגער, ווי אין די פאַרגאַנגענע טעג. עפּשער איז געשען א נעס? דער פּראָפעסאָר האָט דאָך געזאָגט, אַז די געפאַר איז אָפּגעטראָטן. אַזאַ מין שרעקלעכע געפאַר — צווײ אָפּגעסאַמטע קוילן! וואָלאָדיאַ איז, ווײַזט אויס, א גיבער: אויסשטיין קעגן אַזעלכע וווּנדן! אינטערעסאַנט, וואָס וועט מאָרגן מיטיילן דער ביולעטען וועגן זײַן געזונט־צושטאַנד? אַף זײַן שטערן איז שוין קימאַט קיין שוויס ניטאָ. דער פּראָפעסאָר איז, קענטיק, געדעכט. דוכט זיך, א קלייניקײַט, נאָר גראָד דאָס, וואָס אַף איליטשס שטערן זעט מען שוין מער ניט קיין סאַך שוויס, איבערצײַגט זי לעסאָף, אַז ער וועט איבערקומען אויך אָט די דאָזיקע אויספּרווון. דער געדאַנק וועגן דעם, אַז איר מאַן איז שטענדיק געווען א קרעפּטיקער מענטש, פאַר־וויגט נאַדיעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונען. זי דערפילט, ווי עס קײַקלט זיך אָן אַף איר א וואַרעמע כוואַליע און קלעפּט צונויף די ווִיעס. מיסטאָמע טאַקע אָט די זעלבע כוואַליע טוט זי א הייב אויף און טראָגט זי אָפּ ווײַט פונדאַ־נען, אַזש אין דאָרף שושענסקאָיע.

זי איז נאָך יונג. זי איז נאָך שלאַנק. און זי ווייסט ניט, וואָס צו טאָן מיט איר לאַנגן דיקן צאָפּ האָר — וויפל איז דער שיר איבערצולייגן אים פון איין אַקסל אַפן צווייטן. די דאָרפישע מיידלעך, וועלכע האָבן זיך צו־נויפגעזאַמלט לעבן זינאָוויעווס שטוב, באַטראַכטן די קאַלע פונעם פאַר־שיקטן אוליאַנאָוו, קוקן אַף איר פאַרגאַפטע: אַזאַ דינינק מיידל, ווי א

גרעזל אין פעלד, ווּעסטו אין העלן באַטאָג ניט אָפּזוכן מיט ליכט, און אַזאַ מין צאַפּ אוואַדע ניט.

דעם פּאַליציאַנט אָבער הייבט עס ניט אָן צו רירן. ער שרײַט אױף איר: „טייקעף זאָלסטו כאַסענע האָבן מיט אוליאַנאָוון. עלע ניט, שיקן מיר דיך גלײַך אָפּ צוריק קיין אוּפאַ. כאָטש, אָפּן גערעדט, כריין איז ניט זיסער פון רעטעך"...

זי לאַכט. איר איז פרײלעך. צוליב וואָס דען האָט זי זיך געשלעפּט אהער אין אויסרײַסעניש, אויב ניט צו ווערן אוליאַנאָוס ווײַב? דער גאַלעך וועט זי מיט אוליאַנאָוון ניט כאַסענע מאַכן, ווײַל בײַ זיי איז קיין צײַגעניש ניטאָ, אַז אים, דעם פאַרשיקטן אוליאַנאָוון, איז דערלויבט כאַסענע האָבן. ערגעץ איז דאָס דאָזיקע פּאַפּירל געבליבן שטעקן אין קראַסנאָיאַרסק. ניט אין שושענסקאָיע, ניט אין מינוסינסק קאָן מען עס ניט אָפּזוכן.

דערפאַר אָבער שטופּט זי אונטערן סאַמע נאָז דעם פּאָליציאַנט אַן אַנדער דאָקומענט, וואָס איז פאַר יענעם גאָרניט קיין דאָקומענט — ס'איז פּאַשעט א בריוו, אוליאַנאָוו בעט זי אינעם בריוו, זי זאָל זיך איבערציִען צו אים אין שושענסקאָיע און ווערן זײַן ווײַב. זי טײַטשעט אים דעם בריוו אין פּאָנעם אַרײַן און הערט ניט אויף צו שמייכלען, מיסטאַמע וועט באַלד וואָלאָדיע באַווײַזן דעם אָרטיקן נאַטשאַלניק איר ענטפער אויף אָט דעם בריוו: „מיילע, כ'בין מאַסקים. א ווײַב — איז א ווײַב".

דער פּאָליציאַנט טאָפּטשעט זיך אויף איין אָרט מיט זײַנע שטיוואַלעס, ער ווייסט ניט, וויאַזוי זיך באַגיין, פאַר אים איז עס זייער א קאָמפּליצירטער צופאַל. אוליאַנאָוו זאָגט אים צו: „איך גיב אײַך מײַן ערן וואָרט, אַז מיר וועלן כאַסענע האָבן".

זי איז אין שושענסקאָיע. זי וויל אופהייבן איר קלומעק און אַריבערטרעטן די שוועל, נאָר וואָלאָדיע לאָזט זי ניט, נעמט אָפּ בײַ איר דאָס פּעקל:

— דאָס וועל איך אַליין...

ס'איז אָנגעפלויגן א טשאַטע מוקן. וואָלאָדיע נעמט זיך זיי אָפּצוטרײַבן, ער ווייסט שוין גוט, וויאַזוי די אָרטיקע מוקן בײַסן זיך, און ער פירט זי אַפּגיך אַרײַן אין שטוב.

דורכן פענצטער דערזעט זי א צעאַקערטן גאָרטן. וואָלאָדיע זאָגט, אַז דאָס וועט זײַן זייער גאָרטן, דאָס האָט ער אים צעגראָבן מיט א זאַסטעפּ,

און כאַטש דער גאָרטן איז א קלייניטשקער, נאָר פאר זייער פאמיליע וועט קלעקן — מיט קאַרטאָפל וועט מען זיַין באַזאָרגט, בורעקעס, ציבעלעס, קנאָבל, מערן און אוגערקעס וועלן אויך זײַן. כוץ דעם, באַקומט מען א וואָגיקן צוגאָב: ארום און ארום איז פאַראַן שטשאַוועל, עס וואַקסן שוואָ־מען. און ער איז, סאַפּקאָלסאָף, א יעגער, בא אים איז שוין דאָ א הינטל, וואָס וועט אומבאַדינגט ווערן א גוטער יאַגד־הונט.

און אָט גייען זיי אין וואַלד אַרײַן. וואָלאָדיע איז א טרעפלעכער שי־סער. אין יאַגד־טאַש ליגן שוין עטלעכע וואַלד־הינדלעך.

זיי אַנטקעגן לויפט א גרויסער האָז. וואָלאָדיע צילט זיך היספּײַלעס־דיק אין אים, שיסט אויס, דער האָז הייבט זיך אויף אָף די אונטערשטע לאַפּעס און פאַרוואַנדלט זיך אומגעריכט אין א בער, וואָס שפּאַנט דראָענ־דיק צו וואָלאָדיען. ווען ער דערנעענטערט זיך, לויפט זי פלינק אַרויס פאָרויס, דעקט צו וואָלאָדיען מיט זיך און טוט א פּאַטש דעם בער אין פּאָנעם:

— טשעפּע ניט מײַן מאַן!

שטייענדיק אויג אָף אויג מיטן בער, דערפילט זי מיטאַמאָל, אז פון זײַן מויל שמעקט מיט בראַנפן. זי ווערט נאָך מער אופגעבראַכט, טוט אים נאָכאַמאָל א פּראַסק מיט דער דלאָניע אין פּאָנעם, נאָר דערזעט, אז דאָס איז גאָר ניט קיין בער, דאָס איז דער שושענסקער פּאָליציאַנט...

און זי כאַפּט זיך אוף פונעם שלאָף.

וואָס עס קאָן זיך אמאָל אָנכאָלעמען! נא דיר גאָר א בער! וואָלאָדיע האָט קיינמאָל ניט געהאַט צו טאָן מיט בערן, האַגאַם א יעגער איז ער גע־וואָרן אין שושענסקאָיע אָן אויסגעצייכנטער.

דאָך איז נאַדיעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונען אָנגענעם, וואָס זי האָט דער־זען אין כאָלעם שושענסקאָיע. דאָרט איז זי געווען גליקלעך. דערנאָך זײַ־נען בא איר און בא וואָלאָדיען געווען נאָך א סאַך גוטע צײַטן, אָבער אזוי גליקלעך, ווי אין שושענסקאָיע, איז זי קיינמאָל ניט געווען. דאָס ווייסט זי אָף געוויס. ס׳איז אומעגלעך פאַרגעסן די דעמלטיקע פרישקײַט פון זיי־ערע געפילן, די געמיינזאַמע אַרבעט — זיי האָבן צוזאַמען איבערגעזעצט פון אַנדערע שפּראַכן אָף רוסיש, צוזאַמען איבערגעשריבן וואָלאָדיעס ווערק. דאָרט, אין שושענסקאָיע, האָט זי אָנגעשריבן איר ערשטע בראָשור „די פרוי — אַן אַרבעטערן“. מער קיינמאָל האָבן זיי ניט געהאַט קיין מעג־

לעבקײַט אזויפיל שפּאצירן אינצווייען אף דער פּרישער פּראָסטיקער לופט, לייענען ביכער, זיך פּארנעמען מיט ספּאָרט־איבונגען.

ווען וולאדימיר איליטש האָט צום ערשטן מאָל געזאָגט, אז יעדן אינ־דערפּרי דארף מען קוידעמקאָל זיך פּארנעמען מיט פיזישע איבונגען, האָט זי זיך הילכיק צעלאכט. נאָר ער האָט מיט דער פולער ערנסטקײַט דער־קלערט, אז מע דארף זיך טרענירן, זיי מוזן זײַן שטארקע. א רעוואָליוציאָ־נער, וועמענס לעבן איז געווידמעט דעם קאמף און איז איבערגעפולט מיט ניסיוינעס, איז מעכוייעוו צו זײַן א פעסטער, א פארהארטעוועטער, א ווי־דערשטאנדפייִקער. געזאָגט און געטאָן. געשטעלט זיך אף גליטשערס, גע־שווומען, געגאנגען אף געיעג. ס'קאָן זײַן, אז טאקע אָט דאָס וועט אים צוניץ קומען און העלפן אים אויסשטיין.

נאדיעזשדא קאָנסטאנטינאָוונא טוט מיטאמאָל א ציטער. איר דוכט זיך, אז וולאדימיר איליטש וואכט אוף. פארטײַענדיק זיך, לאָזט זי ניט אראָפּ פון אים איר בליק. דאָס הארץ קלאפּט בא איר וואָס אמאָל שטארקער.

ווען עס זאָל זײַן מעגלעך, וואָלט זי גערן פארביטן דעם מאן, אוועק־געלייגט זיך אף זײַן אָרט. איז עס אָבער א קינדערשער טרוים. איבער־נעמען אף זיך די געפאר, וואָס דראָעט אים, קאָן זי ניט. אלץ איז געווען בא איר מיט וואָלאָדיען אינייִנעם, אלע פריידן, אלע ליידן, קומט אָבער אָן אזא מין שווערע שאָ, ווען יעדערער מוז באשטיין זײַן וועלט אליין. דער דאָזיקער געדאנק איז ניט אימשטאנד צו טרייסטן, פארקערט, ער פארשאפט איר נאָך מער פּײַן. זען, וויסן, פילן, ווי די אנגסטן רײַסן שטי־קער פון עם סאמע טײַערסטן מענטשן און זיצן אָנמעכטיק דערנעבן — אזעלכס קאָן אראָפּפירן פון זינען.

נאדיעזשדא קאָנסטאנטינאָוונא טראָגט צו די הענט צום האלדז — פרווט שטילן דאָרט דעם הארץ־אַליארעם, נאָר אומזיסט — איצט קלאפּט דאָס הארץ אין אירע דלאָניעס. צוהערנדיק זיך צו אָט די קלאנגען, טוט זי א טראכט וועגן די בריוו און טעלעגראמעס, וועלכע קומען אָן אף וולא־דימיר איליטשס נאָמען. ניט נאָר זי, מיליאָנען מענטשן וואָלטן געגומען אף זיך זײַן מארטירערײַ. אזויפיל מענטשן לייגן פאָר זייער בלוט אף אײַ־בערגיסן לעבינען! אזויפיל ארבעטער, פויערים, סאָלדאטן שיקן אין קרעמל עסנווארג פאר אים — רײַסן אָפּ פון זייער אָרעמען פּאיאָק, גאָרניט זשאלע־וועט מען ניט פאר לעבינען.

נאדיעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ וואָלט עס אים אַרויסגעזאָגט מיט פּאַ־שעטע ווערטער, נאָר ער האָט זיך נאָך ניט אומגעקערט צו איר אינגאַנצן, כאָטש דער פּראָפעסאָר איז איבערצײַגט, אַז די סאַקאַנע איז פאַרשוווּנדן. האַלעווײַ זאָל זײַן אַזוי. ערשט איצט פאַרשטייט זי, ווי שטאַרק זי האָט געליטן אָט די דרײַ טעג פאַר איר וואָלאָדיען. זי איז נאָך אויך איצט ניט פולקאָם באַוואָרנט, אַז די קאַטאַסטראָפע האָט אים אויסגעמיטן.

אַ מידע און אויסגעשעפּטע, פאַרלירט זי, ווײַזט אויס, אַף אַ ווײַלע דעם באַוווּסטזײַן, נאָר אַן אינערלעכער קויעך קערט איר אום דעם קאָנ־טאַקט מיטן אַרום. ווען וולאַדימיר איליטש צעפירט די פּײַכטע וויִעס און עס טוען אַ פינקל צווישן זיי זײַנע לעבעדיקע, מיט אַ כיטרינקע, שוואַרצ־אַפּלען, זאָגט זי אים אומדערוואַרט פאַר זיך אַליין:

— איך האָב דיך ליב, וואָלאָדיע. דו ווייסט ניט, וויִאַזוי איך האָב דיך ליב.

— פאַרוואָס זשע? איך ווייס זייער גוט, — ענטפערט ער שטיל און זײַנע פאַרבאַקטע ליפּן צעציִען זיך אין אַ מילדן שמייכל.

נאַדיעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ קוקט אַף אים דערשראָקן. מיסטאָם זעט זי אויס אין זײַנע אויגן לעכערלעך. זי וואַרט אָנגעשטרענגט, פאַרשעמט, זי ווייסט, אַז וולאַדימיר איליטש האָט פײַנט באַנאַליטעטן, ער קאָן זיי ניט לײַדן. וויִאַזוי האָט זיך עס באַ איר אַרויסגעריסן פונעם מויל? אָבער איר שרעק איז, דוכט זיך, אַן איבעריקע. אַ סוואָרע, אַז וולאַדימיר איליטש איז ניט אופגעבראַכט, און דאָס, וואָס זי האָט נאַרוואָס געזאָגט, איז אים אַפילע געפעלן, פונקט ווי גראָד אָט די ווערטער האָט ער געוואָלט איצט הערן, געדאַרפט איצט הערן. עפשער זײַנען זיי גאָר ניט קיין באַנאַלע...

וולאַדימיר איליטש לייגט פאַרזיכטיק אַרוף זײַן האַנט אַף איר דלאָניע.

— ס'איז אַרכי־וויכטיק, וואָס איך בין ניט אוועק אַף יענער־וועלט, — זאָגט ער.

נאַדיעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ רופט זיך אָפּ:

— ווייסט, מיר באַקומען אַ סאַך בריוו און טעלעגראַמעס. די אַרבע־טער פאָדערן, דו זאָלסט לעבן.

וולאַדימיר איליטש פּרוּווט זיך אַ הייב טאָן, נאָר דאָ מישט זיך אַרײַן די מילדע פעלדשערקע:

— מע טאָר ניט, כאַווער לענין, ס'איז נאָך פרי פאַר אײַך אַזאַ מין גימנאַסטיק.

— ליג רויק, — בעט נאַדיעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ.

— גוט, — איז מאַסקים לעניך. נאָר די ליפּן בלאָזן זיך באַ אים באַרוי־גערזדיק אָן. ער וואַרט צו אַ רעגע. — יאָ, מײַן פּרינציפּ ווייסטו: אַף בריוו דאַרף מען ענטפערן. קיינער טאָר ניט בלײַבן אָן אַן ענטפער. — ער שווײַגט ווידער אַ ביסל. ער איז טאַקע שטאַרק אָפּגעשוואַכט. — זאָגסטו, נאַדיושע, אַז מע הייסט מיר לעבן?

— אומבאַדינגט!

— טאָר מען טאַקע ניט זײַן קיין אַזעספּאַנעם...

לעניך זשמורעט צו די אויגן. נאָר נאַדיעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ באַ־ווײַזט צו דערזען אין זיי יענץ פײַערל פון אַקשאָנעס, וואָס פלעגט אים טאָ־מיד העלפן בײַקומען שוועריקייטן, און זי דערפילט, אַז איצט וועט ער שוין בעליסאָפּעק באַזיגן די געפאַר. זײַן שטאָלענעם ווילן ווייסט זי גוט.

— אַ דאַנק דיר, נאַדיושע, אַ גרויסן דאַנק, — גלעט לעניך דעם ווײַבס דלאָניע. — דוכט זיך, אַזעלכע אויסגעדראָשענע ווערטער און אַזעלכע, לאָזט זיך אויס, פרישע. כ'האָב דיך אויך ליב, טײַערע מײַנע... כ'האָב דיך ליב...

אָט די דאָזיקע ווערטער האָט ער, וולאַדימיר אוליאַנאָוו, מיט העכער צוויי צענדליק יאָר צוריק אָנגעשריבן איר מיט כימישן טינט אין טפיסע, ווו זי איז געזעסן. נאַדיעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ געדענקט גוט יענעם פּע־טערבורגער פרימאָרגן, ווען זי האָט אין קאַמערע געלייענט וואָלאָדיעס דערקלערונג.

אייביק פרישע ווערטער... סײַ דעמלט, סײַ הײַנט רירן זיי אַלציינס די נעשאָמע... הײַנט, קאָן זײַן, נאָך שטאַרקער, ווי דעמלט...

אַן עקזאַמען

אין דער קאַבינע, וואָס שמעקט מיט בענזין, זיצט אַף אַ פאַרשמאָלצן שטולכל סיאָמע. ער איז מאָגער, זײַנע שאַרפע אַקסלען אונטערן פרישׁ אויסגעוואַשענעם אַרבעטס־בעגעד בייגן זיך לײַכט הין און צוריק.

אַלעמאָל, ווען דער טראַס לאָזט אָפּ דעם גרײַפער און דער עקסקאַ־וואַטאָר־בעכער טוט מיט אַ ראַש אַ פאַל פונעם שפּיץ פײַל אין קעסל־גרוב, הערט אויף דער מאָטאָר צו ברומען, ווי ער וואָלט דערשטיקט געוואָרן. אָבער אַזוי דוכט זיך בלויז. זאָל סיאָמע זיך צורירן צום געהעריקן קנעפל

אף דער מאכשירים־ברעט אָדער צו די הייבערס וועט דער מאָטאָר אין דער זעלבער רעגע צערעוועט זיך אפסנײַ, ווידער אופוועקן דעם קויש, צווינגען אים זיך אײַנבײַסן אין דער ערד פונעם קאָטלאָוואן און ארויס־שלעפן צום ראנד פון דער קעסל־גרוב א הויפן ערד.

די ענגשאפט פונעם ארבעטס־אָרט קימערט ניט סיאָמען. ער פילט זיך באקוועם. עפשער דערפאר, ווײַל אָט אזוי, מיט די דלאָניעס אף די טאנ־קען־הייבערס, מיט די שטיוול־פּאָדעשוועס אף די פעדאלן, איז ער דורכ־געגאנגען זײַן ארמיי־דינסט אין דײַטשלאנד, אין יענע ווײַטע קאנטן, ווו מיט פיל יאָרן צוריק, אויך אזוי, מיט די דלאָניעס אף די ריטשאגן, מיט די שטיוול אף די פעדאלן, פלעגט זײַן טאטע מיט זײַן טאנק דורכברעכן דעם וועג פאר אונדזער אָנגרײַפנדיקער פעכאָטע.

דער טאטע איז פון דער מילכאָמע ניט געקומען, ניט געלעבט קיין פולע דרײַ צענדליק יאָר אף דער וועלט. סיאָמע האָט פארענדיקט די שול, אָפּגעדינט אין דער ארמיי און אָנשטאָט צו גיין אין אינסטיטוט איז ער אוועק אף א בויונג. אין אינסטיטוט האָט ער זיך געלערנט הינטער־אויגיק.

איצט איז אפן בוי־פּלאַץ, כוץ אים, מער קיין ארבעטער ניטאָ, ווײַל ס'איז זונטיק. נעכטן פארנאכט איז צו אים צוגעגאנגען דער פּראָראב און גענומען זיך בעטן:

— די קעסל־גרוב מוז פארטיק זײַן איבערמאָרגן גאנצפרי. די מוליערס וואַרטן. מיט איין וואָרט — מע דארף! איך פּאָדער ניט, איך בעט. העלף!

סיאָמע האָט זיך ניט אונטערגעגעבן:

— ס'איז מיר געבליבן איין טאָג ביזן עקזאמען אין אינסטיטוט. איבער אײַך וועל איך דורכוואלגערן דעם עקזאמען.

— נו, וואָס רעדסטו... דו וועסט דורכוואלגערן? א קאָפּ פון א מיני־סטער...

— לויטן געזעץ האָט א הינטער־אויגלער דאָס רעכט צו באקומען פאר אן עקזאמען א פרײַען טאָג. מאָרגן איז זונטיק. איז נא דיר גאָר!

— און אז מע דארף? עפשער האָסטו געהערט פון אזא זאך, ווי קאָמיוגישער ענטוזיאזם? איך — דארף! פארוואָס ניט אויך דו? די מוליערס וואַרטן, אז די קעסל־גרוב זאָל זײַן אינגאנצן פארטיק...

— ווײ־ווײ, קיין אנדער ברײרע ניט פאראן. א פײַנער טערעץ — מע מוז. מע איז א באלכויוו. און אויב איך וועל ווערן א באלכויוו פארן אינ־סטיטוט?

לאַנג האָט זיך סיאָמע געראַנגלט מיטן פּראָראַב, און געענדיקט האָט זיך, אַז די ליבע צו אַרבעט האָט געטונען די איבערהאַנט.

באַלד וועט גיין אַ רעגן. סיאָמע באַטראַכט דעם קאָטלאָוואַן: ניט קיין סאַך ערד איז געבליבן אַרויסצונעמען.

דער הימל ווערט געדיכטער, גלײַך ווי אָנגעגאָסן מיט טונקלקײַט. אַ ווינט הייבט אָן וויגן די אַלטע אַקאַציעס, בייגן און פֿאַרדרייען זייערע צווײַגן, פֿליקן די פֿלאַטערנדיקע בלעטלעך.

סיאָמע איז פֿאַרטאָן אין זײַן אַרבעט. ער דערזעט דעם דיקן נידע־ריטשקן מאַנצבל מיטן יינגעלע ערשט דאַן, ווען יענע קומען צו אַזוי נאָ־ענט, אַז עס דוכט זיך: אָט־אָט טוט אָף זיי אַ פֿאַל דער קויש פֿונעם עקס־קאַוואַטאָר.

— שטייט! וווהין קריכט איר?! — שרײַט סיאָמע מיט אַלע קויכעס, אָבער אײַנקוקנדיק זיך, דערקענט ער זײַן לערער, וועלכער אונטערריכט אין אינסטיטוט צייכענונגס־געאָמעטריע. יאָ, ס׳איז טאַקע ער, זײַן לערער, אַ קורצוווקסיקער און אַ דיקער, איבערפֿלאָנטערן אים מיט אַן אַנדערן איז אוממעגלעך. די באַגעגעניש איז געווען אַזוי אומדערוואַרט, אַז אין דער ערשטער רעגע איז סיאָמע פּאַשעט פֿאַרגליווערט געוואָרן. נאָר אין אַ ווײַלע אַרום שרײַט ער אויס:

— וואָס האָט אײַך אַהער געבראַכט, גריגאָרי מאַטווייעוויטש?

— מיר שפּאַצירן, — ענטפֿערט דער לערער, ווינקענדיק אויפֿן יינגעלע, וועלכער האַלט זיך פֿאַר זײַן האַנט, — ער דאַרף מער גאָרניט, אַבי גיב אים אַ מאַשין. דערזען פֿונדערווײַטנס אײַער מעכאַניזם, און זיך גלײַך אַ ריס געטאָן: „קום, קום אַהין!״.

— אַ מאַנצבל... — זאָגט מיט דערעכערעץ סיאָמע און שטעלט אָפּ דעם מאָטאָר.

אין הימל האָט פּלוצעם אָנגעהויבן קנאַלן. ס׳האָט עפּעס אויפֿגעציטערט, זיך אַ הוידע געטאָן און אָנגעהויבן פֿאַלן, פֿליען צו דער ערד, אָבער, אַפּאָ־נעם, זיך פֿאַרטשעפּעט אין דער הייך. און דער הימל האָט אויפֿגעלויכטן מיט פֿײַערדיקע בליצן.

— ווײַט האָט איר זיך פֿאַרקליבן, — זאָגט סיאָמע דעם לערער. — באַלד וועט זײַן אַ גוסרעגן.

— מיר ווילנען דאָ דערנעבן, — דערקלערט גריגאָרי מאַטווייעוויטש, — פאַרוואָס עפּעס זײַנט איר זונטיק אויף דער אַרבעט? עס קלעקן ניט די וואָכעדיקע טעג?

סיאָמע צעפּירט מיט די הענט:

— ספּעציעל פאַר מיר האָט דער פּראָראַב אַן אַרבעט אויסגעטראַכט. מײַן עקזאַמען, האַלט ער, וועט צוואַרטן...

דער לערער טוט אַ שמייכל:

— אײַער פּראָראַב האָט מיסטאָמע פאַרגעסן, אַז יעדן סטודענט שטײַעט ניט קעסיידער איין טאָג, איין־און־איינציקער, קעדיי דערפאָלגרײַך אָפּגעבן דעם עקזאַמען...

סיאָמע רירט זיך צו מיט ביידע דלאָניעס צו די הייבערס, טוט אַ קוועטש מיט די פֿאָדעשוועס צוערשט אויף איין פּעדאַל, דערנאָך אויף דער צווייטער. דער עקסקאַוואַטאָר ווערט אומרויִק, זײַן גרײַפּער טוט אַ ציטער, הייבט זיך אויף, שנײַדט זיך אַרײַן מיט אַ טעמפּן קנאַק אינעם דנאָ פֿונעם קאָטלאָוואַן, שעפּט אָן אַ הויפן ערד און טוט זיך אַ ריס אין דער הייך.

אַ האַלבע שאָ אַרבעט סיאָמע, און די גאַנצע צײַט לאָזט ניט אַראָפּ די אויגן פונעם עקסקאַוואַטאָר דעם לערערס יאַטל.

עס טריפט אַ רעגנדל. די אַלטע צעצווײַגטע אַקאַציעס לענגויס דעם וועג הייבן זיך אָן אָפּשפּיגלען אינעם שוואַרץ געוואָרענעם אַספאַלט, ווי אין אַ טײַך.

דאָס יאַטל גייט ניט אוועק פונעם עקסקאַוואַטאָר אַפילע דאַן, ווען דער רעגן צעבושעוועט זיך שוין ניט אויף קאַטאָוועס. דער טאַטע רופט אים אַהיים, נאָר ער איז אײַנגעשפּאַרט:

— ניין, בעשום־אויפן ניט. אויב דו האָסט מוירע פאַרן רעגן, גיי אַליין אוועק!

— קום אַהער, — שרײַט פונדערווײַטנס סיאָמע, אויסשליסנדיק דעם מאָטאָר, — גריגאָרי מאַטווייעוויטש, דערלויבט...

דער לערער העלפט דעם יאַטל אַרײַנשטופּן זיך אין דער קאַבינע. עס הייבט אָן גיסן אַ שלאַקסרעגן, און גריגאָרי מאַטווייעוויטש באַהאַלט זיך אונטערן עקסקאַוואַטאָר.

— הייבט זיך אויף צו אונדז, — לאַדט אים אײַן סיאָמע. — ווי־ניט־איז וועלן מיר זיך אײַנמאָסטען אינדרײַען.

— אַ דאַנק, נישקאָשע. איך בין ניט פון צוקער.

— ווי רופט מען דיך? — פרעגט סיאָמע באַם יאטל.
— יאנקעלע.

א גליקלעכער, גלעט דאָס יינגעלע די הייבערס. סיאָמע פארשטייט אים גוט, אָט ערשט ניט לאנג צוריק האָט ער אליין געטרוימט זיך צורירן כאָטש צו אַן עמעסער מאשין...

אין דער אאודיטאָריע קוקט אריַין די זון, ברענגט מיט זיך היץ. דאָס שטיקל הימל, וואָס הענגט אין פענצטער, איז דורכויס קלאָר, ריין, גליַיך מע וואָלט עס דורכגעשווענקט, אָנגעקראָכמאליעט, אויסגעטריקנט און אויסגעגלעט מיט א פרעס־אײַזן נאָכן נעכטיקן געוויטער. קיין שום שפור אפן הימל האָט דער שלאַקסרעגן ניט איבערגעלאָזט.

אינדערפרי, עטוואָס א פארשלאָפענער, שטייט סיאָמע אָנגעבויגן באַ דער צייכענונגס־ברעט. ער מאָלט מיט א שארף פארשפיצטן בליַיער פארייניקטע ליניעס: דעם ענטפער אף דער ערשטער פראגע פון זיַין עקזאמען־בילעט. צומאָל, אָפּווענדנדיק זיך פון דער צייכענונג, כאפט ער א קוק אף גריגאָרי מאַטווייעוויטשן, וועלכער זעט אויס דאָ, אין דער אאודיטאָריע, גאָר ניט אזוי קורצזוקסיק און גאָר ניט אזוי דיק. עס איז אפילע א ביסעלע א כידעש. איין מאָל באגעגענען זיך זייערע בליקן, אָבער סיאָמע איַילט זיך אָפּפירן די אויגן אין א זיַיט, זיי זאָלן ניט אויסגעבן: פון די דריַי פראגעס, וועלכע ער האָט באַקומען, ווייסט ער גוט בלויז די ערשטע. ער סטארעט זיך וואָס גיכער ארופטראָגן אפן בויגן וואטמאַן־פּאפיר די צייכענונגען און צווינגט זיך וואָס מער צו קאָנצענטרירן זיך און אָפּפרישן דעם זיקאָרן.

איינײנעם מיט סיאָמען גיבן אָפּ דעם עקזאמען נאָך פינף הינטער־אויגלער. צו יעדערן באזונדער שטופּט זיך גריגאָרי מאַטווייעוויטש דורך, קוויקט זיך מיט די שיינע, ריכטיקע ליניעס אפן וואטמאַן־פּאפיר. ער איז צופרידן, גריגאָרי מאַטווייעוויטש, און דערמאָנט זיך די נעכטיקע בעגעגעניש מיט דעם באָכער. „אָט ווען כ'וועל מיט א רויק געוויסן ארויסשטעלן אַן אויסגעצייכנטן באַל״, — טוט ער א קלער און זאָגט אף א קאָל:

— פיַין. קולטורעל. די האנט איז באַ אײַך א זיכערע.

סיאָמע פארפרעסט די ציין: ווארט נאָך צו מיט לויב־געזאנגען... גיין ענטפערן, כאפּט ער זיך ניט — די דריטע פראגע פונעם עקזא־

מען־בילעט לאָזט ניט צורו. מיט דער צווייטער וועט ער זיך נאָך יאַקאָס אַן אייצע געבן.

סיאָמעס פינף כאווײרים האָבן שוין באַוויזן צו שמועסן מיט גריגאָרי מאַטווייעוויטשן. צוויי פון זיי זײַנען דורכגעפאַלן. ניט צופיל? אָט א טײַוול, אָט דער גריגאָרי מאַטווייעוויטש! סיאָמע קנייטשט דאָס פּאָנעם. שרעק־לעך? ווײַזט אויס! צי דען וועט ער זיך טאַקע ניט ספּראַווען מיט דער דריי־טער פראַגע? אָט וואָס עס קימערט אים. ס׳איז געווען א רעגע, ווען אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער וועג צו לייזן די אויפגאַבע איז אָפּגעזוכט. ער מאַכט לויזער דעם שלייף פונעם שניפּס, וועלכער לאָזט ניט פרײַ עטע־מען, און נעמט האַסטיק אַרבעטן מיטן צירקול, אַזוי פלײַסיק, אַז דער גריפעל פּלאַצט אַזש, ער שטעלט אַפּגיך אַרײַן א נײַעם גריפעל, אָבער די אויפגאַבע איז סײַווי ניט געלייזט.

גריגאָרי מאַטווייעוויטש קוקט אויף אים און זאָגט מיט א שמייכל:

— פאַראַן א שפּאַס, אַז וויפל זאָלסט ניט לערנען צייכענונגס־געאָ־מעטריע, בלײַבט אַלץ אין רוים — גאָרניט אין קאָפּ... האַ, מירן עס אָפּליי־קענען?

ניט באַקומענדיק קיין ענטפער, גיט ער צו:

— ציטערט ניט. דרייסטער, דרייסטער!

מיט אָנגעבלאָזענע ליפּן שלעפּט אַרויס סיאָמע די קנאָפּקעס, וועלכע האַלטן צוגעשפּיליעט צו דער צייכענונגס־ברעט די פיר ווינקלען פונעם וואַטמאַן. דער בויגן פּאַפּיר פאַרוויקלט זיך טייקעף אין א רער. פאַרזיכ־טיק, אויף דער דלאָניע, טראָגט אים סיאָמע צום לערער.

— דעם רוים שטעלט איר זיך פאַר אָפּן בעסטן אופן. אומזיסט אײַער אומרו. — רופט זיך אָן גריגאָרי מאַטווייעוויטש, ווען סיאָמע פאַרענדיקט דעם ענטפער אויף דער ערשטער פראַגע. — זעצט פאָר ווײַטער.

אויך מיט דער צווייטער פראַגע ספּראַוועט זיך סיאָמע, דוכט זיך, מער־ווייניקער נישקאָשע. אָבער גריגאָרי מאַטווייעוויטש זאָגט שוין גאָרניט.

אויסהערנדיק דעם ענטפער אויף דער דריטער פראַגע, איז דער לערער געוואָרן אומעטיק. ער האָט געשטרײַט מיט זיך אַליין. און אַנדערן וואָלט ער געהייסן גיין... נאָר אים, סיאָמען — ניין, אָפּשיקן אים צוריק איז אומעגלעך.

גריגאָרי מאַטווייעוויטש וואָלט, ווײַזט אויס, ניט געקאָנט פּינקטלעך דערקלערן, פאַרוואָס ער וועט ניט הייסן סיאָמען קומען נאָכאַמאָל, קלאָר

איז אים אָבער איינס — ער, גריגאָרי מאַטווייעוויטש, וועט ניט דערלויבן זיך אַזעלעכס צו טאָן.

— אָט וואָס, — זאָגט ער לעסאָף און רוקט צו צו זיך סיאָמעס ביכעלע אין די בלויע טאָוועלעך. — מיטלמעסיק וועל איך אײַך אַרויסשטעלן...

א רעגע וואַקלט זיך דער עקסקאַוואַטאָרשטשיק, צוקוקנדיק, ווי דער לערער ווישט אָפּ מיט א שטיקל לעש־פּאַפּיר דעם שפּיץ פון זײַן אַוטאָ־הענטל. „צי דען איז דאָס די לוין פאַר דער פרײַנטשאַפט מיט יאַנקע־לען?" — בליצט דורך אינעם מויעך. דערנאָך קוקט ער שטרענג אַרײַן אינעם לערערס אויגן:

— קערט אום!

— וואָס האָט איר געזאָגט?

— די זאַטשאָטקע גיט מיר אָפּ צוריק!

— אָט וועל איך אָנמאָלן די יעראָגליפן. כ'וועל זיך אונטערכאַסמענען, וועט איר באַקומען צוריק אײַער מאַטריקול.

— כ'בין נאָך ניט ווערט דעם באַפרידיקנדיקן באַל, גריגאָרי מאַטווייע־וויטש. נאָך ניט פאַרדינט אַזויגס. קיין נעדאַוועס דאַרף איך ניט.

פלינק, אַזוי, אַז דער לערער האָט ניט באַמערקט אַפילע, איז סיאָמעס מאַטריקול נעלעם געוואָרן פונעם טיש. דער עקסקאַוואַטאָרשטשיק פאַר־שטעקט אים טיף אין פּאָרטפעל. הייבט זיך אויף. ער האָט געוואָלט דערבײַ זאָגן, אַז מער פון אַלץ איז אים דערווידער מיטלײַד צו זיך, אַז ער איז ניט קיין אומבאַהאָלפן הענדל. ער איז פונעם טאַטנס ראָשטשינע. נאָר אָנ־שטאָט דעם רעדט ער הייזעריק אַרויס:

— דאָס צווייטע מאָל — ווען?

— בלויז אין אײַך איז עס געווענדט, — ענטפערט גריגאָרי מאַטווייע־וויטש. ער קוקט, ווי סיאָמע גייט אַנטשיידן אַוועק, און קלערט: „אַלץ איז ריכטיק. ער וועט זײַן אַן אינזשעניער. אָבער איך... כ'עלטער זיך, כ'ווער סענטימענטאַל?"

די טיר נאָך זיך פאַרמאַכט סיאָמע פּאַמעלעכן. און ס'ווערט באַלד שאַ־שטיל אָף יענער זײַט שוועל, גלײַך קיין שום עקסקאַוואַטאָרשטשיק איז דאָ ניט געווען. „אַוועק אָף די שפּיץ פינגער", — קלערט דער לערער. נאָר אין עטלעכע רעגעס אַרום דערהערן זיך פונעם קאָרידאָר סיאָמעס פעסטע טריט. גריגאָרי מאַטווייעוויטש טוט שווער א זיפץ...

די בערעזקע

באַם יאַם שטייט אַ באָכער. זײַן ווײַס העמדל איז צעשפּיליעט אַ סאַך נידעריקער פונעם קאָלנער. דאָס פאַרברוינטע פּאָנעם — פאַרטרויערט. אַן אומעט איז פאַרבאָרגן אין זײַנע עטוואָס אָנגעשוואָלענע אויגן־אַפּלען, אין די קווערע קנייטשן צווישן די געדיכטע פוכיקע ברעמען. אַפילע די וואָנצעס, וועלכע פאַרהילן קימאַט אינגאַנצן די אייבערשטע ליפּ, הענגען אַראָפּ, ווי פאַרוועלקטע, איבערן מויל. ס׳קאָן זײַן, אַז עס קימערט אים דאָס, וואָס דער זאַמדיקער ברעג, ווו ער האָט פאַרפעסטיקט זײַן רעמל אַף אַ דרײַפוס, איז פוסט און הויל. אין יענע ווײַטע קאַנטן, פונוואַנען ער איז געקומען אַהער, האָבן די ברעגן אויסגעזען ניט אַזוי, ווי דאָ. יענע זײַנען געווען אײַנגעטונקען אין ניט־געזייטן גרינס, פאַרפלייצט מיט קאָלערליי צעפּאַטלטע און אונטערגעשאָרענע גראָזן, קווייטן, קוסטעס. האַגאַם אויך דאָ זעט מען שפּאַצירן פאַרשיידענע מענטשן, זיי אָטעמען אײַן דעם פרישן שטויב פון די ברויזנדיקע יאַם־כוואַליעס. עמעס, דאָ איז דער האַמוין אַ ביסל אַן אַנדערער — ער וויל ניט באַמערקן דעם אומבאַוווּסטן מאָלער מיטן מאָלבערט, זײַן פאַרטינקעוועטן לײַוונט, אַף וועלכן עס זײַנען דערווײַל אָנגעצייכנט בלויז בלייכע קאָנטורן פון עפּעס אַ געקרײַזלטן בוים, מינאַסטאַם איז דאָס אַן עשעל־בוים, וועלכן מע זעט גוט פונדאַנען אַפן נאָענטן בערגל, אַ פאַרסאַרפּעטס פון דער זון. די זאַטע לײַדיקגייער, די אָרטיקע טוישווים, די נײַגעריקע פאַרדײַגעטע עמיגראַנטן — נײַע אוילים, שאַצן דאָ נאָר אויסערגעוויינלעכס, איבעראַשנדיקס, אייגנאַרטיקס.

דעם קינסטלער האָט ווייניק געאַרט, צי לייגט מען אַף אים אַכט, צי ניין. פאַרטיפט אין שווערע געדאַנקען, אין וואַרגנדיקער בענקעניש, איז ער געווען ווײַט פון אַט דעם יאַם, פון אַט דעם ברעג, פון אַט די פרעמדע אַרומיקע מענטשן. לאַנגזאַם, פאָרזיכטיק האָט ער זיך באַשעפטיקט מיטן פּענדזל און געטראַכט וועגן זיך, וועגן דעם, וואָס ער האָט פאַרלאָרן, אײַבערוואָגלענדיק אַהער, איצט איז אים שוין געווען קלאָר — אַף אייביק אָנגעוואָרן. פיל געדאַנקען האָבן געווימלט אינעם מויעך. נאָר שווערער פון אַלץ איז געווען צו קלערן וועגן אײַען.

צום ערשטן מאָל האָט ער זי באַגעגנט אַפן הויכן ברעג פונעם טײַך כאַפּיאָר. ער וואָלט מיסטאַם ניט באַמערקט דאָס יונגע מיידל מיטן ביכל

אין די הענט, ווען ער זאָל זיך צופעליק ניט באַגעגענען מיטן דרייסטן בליק פון אירע רייגע בלויע אויגן.

איר שטילע שיינקייט האָט איבעראַשט הענעכן, אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער שוין געווען פאַרכאַפּט פון אַ בלענדנדיקן טרוים. ווייזט אויס, אַז בלויז קינסטלער קאָנען עס — מיטאַמאָל זיך אָפּשיידן פון אַלץ, אויס־שליסן זיך פון דער וועלט, אַוועקלאָזן זיך ווער ווייסט אין וואָס פאַר אַ ראַיאָנעס. אומקערנדיק זיך צוריק אין דער ווירקלעכקייט, האָט דאָס דער־שטוינטע באַכערל אַ זוך געטאָן אַרום מיטן בליק. די אומבאַקאַנטע איז אַנטרונען. הינקענדיק אויפן לינקן פוס, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן ניש־טערן אין די נאָענטע גאַסן און געסלעך — אומזיסט, זי איז נעלעם גע־וואָרן. אַ שווייס האָט זיך געקייַקלט איבערן פּאָנעם, צוגעפּויזעט צום האַלדז, געקיצלט די ברוסט.

ביז סאָף טאָג האָט הענעך געבלאָנקעט איבער די שלעפּעריקע, אויס־געמאַטערטע פון דער היץ, שטאָטישע גאַסן. ער האָט זיך ניט אָפּגעגעבן קיין קלאָרן כעזשבן, וואָס עס קומט מיט אים פאָר. אויף געוויס האָט ער אָבער געוווּסט — ער מוז אומבאַדינגט נאָך אַ מאָל, כאָטש נאָך איין מאָל זען דאָס מיידל, אַ קוק טאָן אין אירע אויגן.

ער האָט זי באַגעגנט אין אָוונט, טאַקע ווידער דאָרטן, אויפן הויכן כאַ־פּיאָר־ברעג, וואָס איז אַרומגעצוימט מיט אַקאַציע־קוסטעס. די אומבאַקאַנטע איז געקומען מיט איר כאַווערטע. די מיידלעך זייַנען געשטאַנען אַקסל צו אַקסל און געקוקט, ווי עס גייט אויס אין וואַלד אויף יענער זייט טייַך די שקיע.

לאַנג און אומגעשיקט האָט זיך הענעך געטאָפּטשעט אויף איין אָרט. דוכט זיך, וואָס קאָן זייַן פּאַשעטער — נעמען און צוגיין... ער ווייסט, זיי האָבן אים שוין באַמערקט און שעפּטשען עפּעס פריילעכס איינע דער אַנ־דערער אין די אויערן. אים איז אָבער שווער זיך צו באַשליסן. נאָר ווען ער באַהערשט זיך און טוט אַ שפּאַן פאָרויס, דערפילט ער, אַז די צונג אין מויל איז געליימט געוואָרן. אַ צעמישטער און פאַרשעמטער, זעט הענעך גאָרניט, כוץ די ריינע, בלויע אויגן.

און דאַן ווענדט זיך איִאַ, אָפּשפּעטנדיק, צו איר כאַווערטע, נאָר אַזוי, אַז אויך דאָס הינקענדיקע באָכערל זאָל הערן:

— אף מיר זײַנען דען פאראן אוזאָרן? פארוואָס האָט ער אָנגעשטעלט די לאמטערנס?

— זײַט ניט בארויגעז... איר... איר, — האָט הענעך א פארויטלטער גע־שטאמלט, — איך וויל... איך מוז אײַך מאָלן...

אײַא האָט צוגעמאכט די וויִעס, אירע באקן האָבן געגומען פלאמען פון פארגעניגן, און שוין אָן א סימען פון כויזעק האָט זי געזאָגט:

— עפשער וואָלטן מיר פונדעסטוועגן זיך באקאנט? צוליב קלאָרקײַט?

אהיים האָט הענעך זיך אומגעקערט א באפליגלטער: אײַא וועט מאָרגן זײַן דאָ, אפן ברעג, לעם דער בערעזקע, וועלכע שווענקט איר אָפּשפּיגלונג אין די וואסערן פון כאָפּיאָר.

אײַא האָט ניט אָפּגענארט.

נאָך איידער זי איז געקומען, האָט הענעך פאנאנדערגעשטעלט דעם דרײַפוס, צוגעגרייט פארשיידענע בערשטלעך, די פּאליטרע. ווען דאָס מיידל האָט זיך באוויזן אפן ראָג פונעם בײַטײַך־געסל, איז הענעך פלינק צו איר צוגעלאָפן, דערלאנגט די האנט און אזוי — דלאָניע אין דלאָניע, געפירט זי צו דער באנק, וואָס איז געשטאנען, אָן אײַנגעוואקסענע אין דער ערד, באם ראנד פונעם אָפּריס.

אוועקגעזעצט זי, האָט הענעך עטלעכע מינוט געקוקט אף איר און ערשט דאן גענומען מאָלן.

אײַא האָט ניט אראָפּגעלאָזט די אויגן פונעם באגײַסטערטן באָכער. איר איז דאָס געווען אָנגענעם, אָבער ניט מער, ווי אָנגענעם...

הענעך אָבער האָט געיובלט. בלויז פאר אים אליין האָבן געפינקלט אירע אויגן, האָבן זיך געשלענגלט אירע פעך־שווארצע ברעמען, אירע צוגעפארבטע, עטוואָס אויסגעבויגענע וויִעס.

— א דאנק, אײַא וואסיליעוונא, — האָט ער געזאָגט מיט א ווארעם, ווייך קאָל.

— פאר וואָס? — האָט זי זיך שפּילעוודיק געוווּנדערט.

— פאר דער פרייד, וואָס איר האָט מיר פארשאפן.

— אלע קינסטלער ריידן אזוי אלטמאָדיש, אָדער בלויז איר?

הענעך האָט אופגעהויבן אף אײַען זײַנע פארטרויערטע אויגן.

מער איז זי צו אים ניט געקומען. עס האָבן זיך געענדיקט די קאני־קולן — אירע און זײַנע. איינמאָל אָבער, פארן אָפּפאָר, האָבן זיי זיך באַ־געגנט. ער איז געשטאנען לעבן דער בערעזקע, וועלכע האָט זיך גע־

לויכטן אין די שטראַלן פון דער פאַרגייענדיקער זון, און געקוקט אויפן וואַסער צופוסנס דעם ברעג־אַפּריס. אוועקגיין אומבאַמערקט איז אייא ניט געווען אימשטאַנד, זי האָט שטיל באַגריסט הענעכן.

— נאָך לאַנג וועל איך וואַרטן אויף מיין פּאָרטרעט? — האָט זי געפרעגט.

— מיר איז אייער בילד נייטיקער, ווי אייך, — האָט אויפגיך אָפּגעענטפערט הענעך און פאַרקלעמט אין דער דלאָניע די פאַרפלעקטע מיט פאַרבן בערשטל. — כ'האָב אייך ניט געוואָלט באַאומרויקן, נאָר איר זעט דאָך, אייא וואַסיליעווונאַ, כ'ווייס ניט, ווי מע רופט דעם געפיל, נאָר ווייזט אויס, אַז ס'איז באַשערט...

„אַט איז עס! — האָט אַ קלער געטאָן אייא. — און וואָס וועל איך אים ענטפערן?" פונדעסטוועגן האָט זי זיס פאַרמאַכט די אויגן, וואַרטנדיק אויף זיין דערקלערונג.

— שיינקייט — דאָס איז טאַלאַנט, — האָט פאַרנעפּלט און צוריקגעהאַלטן אַרויסגעבראַכט הענעך. גלייך זאָגן, וואָס ער פילט, האָט ער זיך ניט דערוועגט, — כ'בין אייער פאַרערער...

מיט עפּעס אַ מאָדנעם פרעסטל אין האַרץ האָט אייא רויק באַטראַכט זיין פּאָנעם, די ציטערנדיקע ליפּן, די ווייכע גרויע אויגן מיט די גרויסע שוואַרצאַפּלען. „אויגן פון אַ קינסטלער", — האָט אייא געזאָגט צו זיך אַליין און ניט־ווילנדיק אַ זיפץ געטאָן.

ערשט איצט האָט הענעך זיך אָנגענומען מיט מוט:

— איך בעט, איר זאָלט מיך אויסהערן, אייא וואַסיליעווונאַ, טוט, וואָס איר ווילט — באַשטראָפט, פאַראַכטעט מיך, נאָר איר דאַרפט וויסן, אַז איך האָב אייך ליב...

„אך, ווי ס'איז פונדעסטוועגן אָנגענעם, ווען מע זאָגט דיר אַזעלכס", — האָט אַ קלער געטאָן אייא.

אַ גאַנץ יאָר האָט זי גאָרניט געוווּסט וועגן הענעכן, האָגאַם זיינע לעצטע ווערטער זיינען איר טיף אַריינגעפאַלן אין זיקאָרן, זיי האָבן געטאָן אַלץ, וואָס עס טוען אַזעלכע רייד. אייא האָט געפילט, אַז זי איז שטאַרק און דרייסט, אַ סאַך קרעפטיקער און געוואַגטער, ווי מע קאָן דערוואַרטן.

זי איז אַריבער אויפן לעצטן קורס פונעם אינסטיטוט און האָט זיך געקליבן צו פאָרן אינעם דאָרף צו די עלטערן, וועלכע זיינען געווען לערער.

ערעוו אָט דער רײַזע איז אײַא אוועק זיך געזעגענען מיט דער בערעזקע אפֿן הויכן כאָפּיאָר־ברעג. פֿונדעסטוועגן האָט אײַא א ביסעלע וועגן הע־נעכן געקלערט.

נאָך ניט זעענדיק אים, האָט זי דערפֿילט, אז ער איז ערגעץ דאָ דער־נעבן — דאָס הארץ האָט עס אונטערגעזאָגט.

יאָ, הענעך איז דאָ געווען. ער האָט שווײַגנדיק געעגבערט זי מיט זײַ־נע גרויסע שווארצאפּלען.

— איר זײַנט זייער א גוטער, זייער א פֿײַנער, — האָט זי שטיל גע־זאָגט. — כ'האָב מוירע אײַך מאכן אומגליקלעך...

— דאָך טוט איר עס, און איר זײַנט גערעכט, איך בין קיין גליק ניט ווערט. איך פֿאָר אוועק אַף שטענדיק, איך פֿלי אין אָפּגרונט. בלויז איין וואָרט אײַערס — בלײַב איך דאָ, אָן די עלטערן. נאָר איר זײַנט בעקויעך מיך ראטעווען — ווילט איר ניט...

יאָ, זי האָט אים ניט פֿארשטאנען.

זיך אליין איז ער אויך ניט געווען אימשטאנד צו פֿארשטיין.

דעריבער שטייט ער איצט באַם ברעג פֿון א פֿרעמדן יאַם, ער מאָלט. די האנט פֿרעגט ניט קיין אייצעס, נעמט אָן מיטן בערשטל איין פֿארב נאָך דער צווייטער און טראָגט זיי אנטשיידן צו דעם מאָלבערט, לייגט זיי אפֿן לײַוונט פֿלינק, געשיקט, אקשאָנעסדיק. פֿונעם יאַם בלאָזט א ווינטל, לאַ־שטשעט זיך צום באָכערס האנט, און די האנט סטארעט זיך, זי ארבעט פֿלײַסיק, נאָר שעפּן שעפּט זי פֿון דער פּאליטרע ניט יענע קאָלירן, וועלכע לעבן אינעם אומרוזקן לאנדשאפֿט — גאָר אנדערע, טײַערע, ווײַטע, מילדע פֿארבן פֿון זײַן פֿארלאָזטער היים.

הינטער הענעכס ברייטער פּלייצע האָט זיך צערוישט דער האמוין. מיט כידעש האָבן באטראכט זײַן בילד די אופֿגערודערטע ליידיקגייער. ניט קיין יאַם, ניט קיין עשעל־בוים האָבן זיי געזען, נאָר א לויכטנדיקע אין די שטראלן פֿון דער אופֿגייענדיקער זון יונגע בערעזקע אַף דעם הויכן כאָ־פּיאָר־ברעג.

עמעצער הינטער הענעכס פּלייצע האָט פּלוצעם א כליפּע געטאָן, אָנ־שוויגן געוואָרן אַף א ווײַלע, אָבער באלד נאָך דעם זיך צעוויינט, צעיאָ־מערט אַף א קאָל.

הענעך האָט מוירע געהאט זיך ארומצוקוקן.

אין פּערציק יאָר אַרום

איך האָב זיך צעשיידט מיט מײַן לערער, אוועקלאָזנדיק זיך אין זעלבשטענדיקן לעבן, מיט א יאָר פינף און דרײַסיק צוריק. פון דעמלט אָן, ביז דער לעצטער צײַט, האָב איך זיך מיט אים ניט געזען, ניט גע־וווסט אפילע, צי לעבט ער. אמאָל פלעג איך זיך אין אים דערמאָנען — אין די סאמע שווערע פאר מיר טעג, און שוין דאָס אליין פלעגט מיר העלפן צו ווערן בא זיך שטארק. וועגן א באגעגעניש מיטן אלטן לערער האָט זיך עפּעס ניט געטרוימט אפילע. און פלוצעם איז זי פאָרגעקומען, א פריידיקע — ניט געדאכט, ניט געווארט — אף די זײַטלעך פון כאַיִם מע־לאמודס ראָמאן „יונגע יאָרן".

כאָטש דער דאָזיקער בוך האָט שוין פארלאָרן דעם פרישן רייעך פון דרוק־פארב, לוינט וועגן אים אויך איצט דערמאָנען. מיר אליין איז אויס־געקומען אים צו לייענען ערשט ניט לאנג, און די געשטאלטן שטייען די גאנצע צײַט פאר מײַנע אויגן.

אן עכט קינסטלעריש ווערק איז שטענדיק פּולוואָגיק. אזא איז דער ראָמאן „יונגע יאָרן". און די גרעסטע מײַלע זײַנע איז די טיפקײַט, מיט וועלכער דער שרײַבער דרינגט ארײַן אינעם פאָלקס־לעבן, אנטפּלעקנדיק דאָרט דאָס שטורמישע און ווידערשפּרעכלעכע, דאָס פריילעכע און טראַ־גישע, דאָס קלוגע און פארדריסלעכע.

באזונדערס ווילט זיך אָפּמערקן, ווי איבערצײַגנדיק עס ווערט באוויזן אינעם ראָמאן די טעמע פון פעלקער־פרײַנטשאפט.

דער וועג, וואָס די כאשטשעוואטער טוישווים, וועגן וועלכע עס דער־ציילט כאַיִם מעלאמוד, האָבן דורכגעמאכט, איז געווען זייער א שווערער. אופגעריכט האָט זיי די רעוואָליוציע. פיל אלטע ווערטן איז אויסגעקומען איבערצושאצן. מע האָט געדארפט זיך אָפּזאָגן פונעם אײַנגעוווינטן שטיי־גער און באזיניקן די געזעצן פון דעם נײַעם געזעלשאפטלעכן זײַן, באשטע־טיקן און קלאָר מאכן דאָס אייגענע אָרט צווישן מענטשן, צווישן שכיינים. די אויצרעס, וועלכע זײַנען ביז דאן געווען טײַער בא די כאשטשעוואטער, די מינהאָגים, וואָס זיי פלעגן פראווען — אלץ איז אויסגעפּרווט געוואָרן פון דער צײַט. מיט די „אלטע בעבעכעס" אין דער נײַער וועלט איז דער ארײַנגאנג געווען פארווערט... האנט צו האנט און פלייצע צו פלייצע מיט

די אנדערע פעלקער, אין איין ברידערלעכער מישפּאָכע, האָבן די יידישע מאסן זיך אָנגעשלאָסן אין דער בויונג פונעם סאָציאַליזם.

טאקע צווישן די כאשטשעוואטער האָב איך באגעגנט מיַין לערער א. ס. קופּערמאַן.

די יונגע יאָרן פון מיַין אלטן לערער, ווי איך האָב זיך דערוווסט פון כאַים מעלאמודס ראָמאן, זיַינען געווען שטורמישע, סאָציאל אָנגעזעטיקטע. ס'איז אָנגענעם, ווען דיַין לערער איז א פּערזענלעכקיַיט, דערביַי אן אינטערעסאנטע, א באַדיַיטנדיקע.

אדהיַיעם לעבט א. ס. קופּערמאַן אין קאָראָסטען, זשיטאָמירער געגנט, אף דער אוקראינע. ער איז א פּענסיאָנער, נאָר הערט ניט אוף צו זיַין א געזעלשאפטלעכער טוער. אין אָנהייב פון די דריַיסיקער יאָרן האָט ער געארבעט טאקע אין קאָראָסטען אלס פּאַרוואַלטער פון דער צווייטער יידישער מיטלשול, ווו איך האָב זיך געלערנט. אונדזער שול האָט פארמאָגט אויסגעצייכנטע ווארשטאטן, ווו מיר האָבן געבויט באוועגלעכע מאָדעלן פון מאשינעס. אפן הויפּט־פּלאץ פון קאָראָסטען, לעבן לענינס דענקמאָל, האָט ארומגעיאָגט אונדזער קינדערישער לייכט־אויטאָמאָביל; באם אריַינגאנג אין שול, אף אן עסטאקאדע, האָט זיך ארומגעדרייט א טראמוויַיעלע, און די שטאָטישע איַינוווינער פלעגן אפּדערנאכט זיך צונויפקליַיבן באטראכטן עס, א באלויכטנס אינווייניק מיט עלעקטראָ־שיַין — אזא נעס, א וווּנדער.

מיר האָבן געהאט אן אייגענעם בלאָז־אָרקעסטער און קריַיזלעך פון קינסטלערישער זעלבסטעטיקיַיט. אונדז האָט פּאָשעט אָפּגעגליקט, וואָס אין דער קאָראָסטענער צווייטער יידישער מיטלשול איז דער פּאַרוואַלטער געווען אן ענטוזיאסט. איצט, אין פערציק יאָר ארום, פארשטיי איך, אז געווען איז ער ניט בלויז א גלענצנדיקער אָרגאניזאטאָר, נאָר אויך א באַגאבטער פּעדאגאָג. מיט אנציקונג דערמאָן איך זיך, אז אונדזער שול־פּאַרוואַלטער האָט געוווסט די פאמיליעס פון קימאט אלע שילער, נו, מיילע, צוליב דעם איז גענוג האָבן פּאָשעט א גוטן זיקאָרן. אָבער פארשטיין יעדנס נעשאָמע, יעדנס שטרעבונגען, העלפן יעדן צו דערגרייכן זיַינס, פירן יעדערן, א טרעפּל נאָך א טרעפּל, אלץ העכער און העכער צום ציל, און טאָן עס דאפקע אומבאמערקט, נאטירלעך — אָט דאָס קען נאָר א פּעדאגאָג א קינסטלער. אונדזער פּאַרוואַלטער פון שול האָט גוט געזען, אף וואָס

יעדערער פון אונדז איז פייַק, און פלעגט מיט אלע מיטלען אופוואכן אין יעדן זײַנע פייזקײַטן.

כ׳האָב געהאַט א כאוועד לייזער זאק. פון קליינוויַיז אָן פלעגט ער „דײַגענען וועגן וועלט־זאכן״. די געשעענישן בא אונדז אין לאנד — די קאָלעקטיוויזאציע, דער דניעפּערבוי, די מאגניטקע, די טשעליוסקין־עפּאָ־פּיי; דאָס לעבן אין אויסלאנד — די ברוינע פּעסט אין דײַטשלאנד, די כי־נעזישע רעוואָליוציע, די ליידן פון שפּאניע — אלץ איז געווען „זײַן איי־סעק״. אונדזער פּארוואלטער האָט עס גוט געוווסט און מעטאָדיש, טראָט נאָך טראָט, געפירט לייזערן צו זײַן בארוף. א פּאַרטראָג פאר די קוסטארן זאָל האלטן לייזער; ארויסטרעטן מיט א פּאָליט־אינפאָרמאציע בייסן מי־טיק־איבעררײַס אפן טשוהון־גוס־זאוואָד — ווידער לייזער. אויסגעוואקסן איז לייזער אין א הויכראנגיקן פּאָליט־טוער פון דער רויטער ארמיי. ער איז אומגעקומען אין דער לעצטער שאָ פון דער גרויסער פּאָטערלענדישער מילכאָמע.

צי האָט אונדזער פּארוואלטער פּאָרויסגעזען, אז מײַן כאווערטע סארע וועקסלער וועט זײַן א געטרײַע לערערן, ווייס איך ניט. איך דערמאָן זיך אָבער, ווי איינמאָל, ווען איך, צוזאמען מיט איר, מיטן יונגן דיכטער וואָ־ווע קאָריטני און מיט נאָך עטלעכע כעוורע, האָבן ארויסגעלאָזט א וואנט־צײַטונג, איז אין צימער, ווו מיר זײַנען געזעסן, ארײַנגעגאנגען קופּער־מאן. ער האָט באטראכט די צײַטונג, איבערגעלייענט עטלעכע פּארטיקע ארטיקלען, וואָוועס א ליד און א פּרעג געטאָן סארען, פארוואָס זי האָט אופגעהערט באזוכן דעם דראמקרײַז. סארע האָט געהאט א טעווע זיך אָנ־בלאָזן, באוויַזן אירע קאפּריזן — דעמלט איז זי געווען בארויגעז אפן אָנ־פירער פונעם דראמקרײַז, אריע וויַינבערגן, האָט זי קופּערמאנען געענט־פערט מיט אן ארויסרוף:

— און אז איך האָב ניט קיין טאלאנט פון א שוישפּילערן!

קופּערמאן האָט איר דערווידערט. עס וואָלט דאפקע געווען ניט שלעכט, ווען זי זאָל ווערן אן ארטיסטקע, נאָר טאָמער ניין, קאָנען די פארנעמונגען אירע אינעם דראמקרײַזל אויך ברענגען אנדערע נוץ, לעמאָשל — העלפן צו ארײַנדרינגען טיפער אין ליטעראַרישע ווערק און אינעם לעבעדיקן לאָשן פונעם פאָלק און פון דער ליטעראַטור. שפּעטער האָב איך זיך דערוווסט, אז קופּערמאן האָט געייצעט אריע וויַינבערגן אופמערקזאם זיך באציען צו סארעס פייזקײַטן, און איניכן האָט זי

אַנגעהויבן שפּילן אין דראַמקרײַזל — אויספּילן די פּרויִשע הויפּט־ראָלן אין אַזעלכע פּיעסן, ווי „הירש לעקערט“, „נאַפּטאָליע באָטווין“. קיין פּראָפעסיאָנעלע אַקטריסע איז זי ניט געוואָרן, נאָר די טעטיקייט אויף דער בינע האָט איר געוויס מיטגעהאָלפן אויסצושלײַפן איר ליטעראַרישן כּוש און געשמאַק, געהאָלפן ווערן אַ מייוון אויף ליטעראַטור. מיר דוכט, אַז אויף קופּערמאַנען ליגט אַ ביסל די „שולד“ פון דעם, וואָס סאַרע איז געוואָרן אַזאַ אויסגעצייכנטע לערערן פון ליטעראַטור און שפּראַך.

קופּערמאַנס כײלעק איז פאַראַן אין דעם, וואָס נאָך פיל כאַוויירים מײַנע, און אויך איך, זײַנען געוואָרן לערערס. אין קאַראַסטען האָט געלערנט מיט די קינדער מאַטעמאַטיק ביילע קעסעלמאַן, אַגעוו, אַ היפּשע צײַט אין איין שול מיט קופּערמאַנען. מינדעלע בראַקער איז געוואָרן אַ לערערן פון ענגלישער שפּראַך. אַלס דירעקטאָר פון דער 268־טער מאָסקווער מיטלשול אַרבעט איצט פראַ״ם רויטבערג. מיט אַ שול־אינטערנאַט אין קאַזאַן פירט אָן דער דעמלטיקער יונגער דיכטער וואָווע קאַריטני. אַ העלפט פון אונדזער קלאַס זײַנען געוואָרן לערערס.

אין קיִעוו לעבן די דאָקטוירים אידע מאַראַז־שערמאַן און סימע עלגאַרט, וועלכע האָבן אויסגעקליבן פאַר זיך זייער פּראָפעסיע אויך אונטער דער ווירקונג פון אונדזער פאַרוואַלטער. די ליבע צום מענטשן, די אַכטונג צום מענטשן, די צאַרטע באַציִונג צום מענטשן — דאָס, וואָס עס האָט זיי געבראַכט צו זייער פּראָפעסיע, — האָט זיי געהאָלפן אויסאַר־בעטן אין דער קינדהייט דער העלד פון כאַ״ים מעלאַמודס ראָמאַן.

פאַר זײַנע טאַלמידים פלעגט אונדזער לערער זיך פּלײַסן שאַפן אַן אַטמאָספער פון פרייד. פאַר אַלעמען אינאיינעם און פאַר יעדערן באַזונדער. כ׳געדענק, ווי איינמאָל זײַנען צו אונדז געקומען די שרײַבער פעפער, כאַשטשעוואַצקי און וועוויאָרקע. אין סאָף פרילינג איז עס געווען. זיי זײַנען געשטאַנען, אַרומגערינגלט מיט קינדער. פראַגעס — ענטפערס, שמייכלען, געלעכטער... פּלוצעם דערהער איך, ווי דער פאַרוואַלטער פון שול רופט אַרויס:

— מאַגילנער, וואָס ביסטו אַזוי פאַרכאָלעמט, — האָט ער אַ וווּנק געטאָן. — נעם בעסער די האַרמאָניק.

קיין גאוניטער האַרמאָניסט בין איך ניט געווען, אָבער דאָס מאָל האָב איך מיך ווי אַ הייב געטאָן אין די הימלען. כ׳האָב געשפּילט, וואָס כ׳האָב געקענט: אַ קראַקאָוויאַק, געמישט מיט פריילעכס, פון אַ שער

איבערגעהיפערט אף א האָפּאק — מײַנע כאַווײרים האָבן געטאַנצט, די געסט האָבן געשמייכלט, און איך בין געווען אפן זיבעטן הימל. ווײַזט אויס, אז מײַן לערער איז אויך געווען צופרידן, ער האָט א פּרווו געטאָן אפילע זיך באַרימען מיט מיר פאַר פעפערן, דאָס האָט מיר דערנאָך דערציילט וואָווע קאָריטני, וועלכער האָט זיך דאַן געטוליעט נאָענט צו די שרײַבער. קופערמאַן, לויט וואָווס רייד, האָט זיך געווענדט צו פעפערן:

— נו, א מאַמזער, האַ? — ווינקענדיק אף מיר. — כ'האָף, אז ער וועט נאָך זײַן א פּאָעט אויך...

— צי ער וועט ווערן א פּאָעט, ווייס איך ניט, — האָט פעפער געענטפערט. — נאָר א יאַט איז ער...

מײַן לערער האָט זייער געוואָלט, איך זאָל ווערן א שרײַבער. קיין איין געלעגנהײַט פלעגט ער ניט דורכלאָזן, קעדיי מיך דערנעענטערן צו ליטעראַטור. אַנומלטן קומט צו לויפן צו מיר מײַן כאַווער מוישקע קאַצאָוו:

— גיכער, אין שול, צום פאַרוואַלטער!

לאָזט זיך אויס, בא קופערמאַנען אין צימער — זײַן דירע איז געווען אין שול — זיצט דאַוויד האָפשטיין און שמועסט מיט מײַן לערערס פרוי. כ'בין געבליבן שטיין פאַרגליווערט אפן שוועל.

— וואָס שטעקסטו, ווי דער כאַזן פאַרן אָמעד? — האָט אף מיר אופגעהויבן זײַנע טיפע, ביבלישע אויגן דער דיכטער. — קום אהער, באָכערל, ציטער ניט. באַווײַז דײַנע ציינדלעך, עפשער... עפשער איז דײַן שרײַבעכץ ניט קיין אומזיסטע טירכע...

איך האָב געפּרוווט זיך רירן פון אָרט, נאָר די פיס האָבן מיך ניט געפאָלגט.

— ע, וואָס פאַר א פּאָנעם האָט עס? — טוט א שאָקל מיטן קאָפּ האָפשטיין. — ביסט א שרעקעוודיקער, ווי א האָז. מע האָט דאָך מיר געזאָגט, אז דו קלײַבסט זיך זײַן א דיכטער. נאָר אויב דו ביסט א פּאַכדן, זאָלסטו זיך אָפּקערן אף א מײַל פון פּאָעזיע. א סאַך גוורע מוז האָבן א פּאָעט...

מיט א פּאָר שאַ שפּעטער, ווען האָפשטיין איז געגאַנגען צו זײַנעם א קאָראָסטענער קאָרעוו און איך האָב געשפּאַנט א גליקלעכער באַנאַנד מיטן דיכטער, באַגלייטנדיק אים, האָט ער מיך נאָכאַמאָל געוואָרנט, אז

פּאָעזיע איז ניט פאַר קיין קליינמוטיקע. ער האָט אַרײַנגעשטעקט זײַן האַנט אונטער מײַן עלנבויגן, וואָרעם געזאָגט:

— האָב ניט קיין פאַריבל. דיכטונג איז אַ שווער שטיקל ברויט. צו איין גוטער שורע קלעפּט זיך אַ צענדליק שוואַכע. מע דאַרף זײַן שטאַרקער פון אײַזן אויסצומעקן זיי. אויב איך האָב אין מײַן אַקטיוו עטלעכע רײַפע לידער, זאָג איך אַ דאַנק דעם קאַרב, ווײַל ער שלינגט אײַן מײַנע זינד, די טויט־געבוירענע פּערזן. ווילסטו שרײַבן — קויף קוידעמקאָל אַ מיסטקעסטל, האַלט עס שטענדיק אָפן, און זאָל עס זיך בעסער וואַרגן מיט דײַנע בלאַסע שורעס, איידער דער לייענער...

זומער 1935 האָט די צײַטונג „יונגע גוואַרדיע" אָפּגעדרוקט מײַן ליד „מאַמע", פּונקט ערעוו מײַן אָפּפאָרן אויף אַן עקסקורסיע אין קרים, מיט וועלכער מע האָט מיך, צווישן נאָך אַ הונדערט שילער פון אוקראַינע, פּרעמירט. קופּערמאַן האָט, געזעגענענדיק זיך מיט מיר, אויף אויסווייניק איבערגעלייענט מײַן ליד מיט אַזאַ פאַרגעניגן, אַז די אויגן זײַנע האָבן פּײַכט געגלאַנצט.

— קיין סאָך דאַרף דער מענטש ניט האָבן אויף צו קלײַבן נאַכעס, — האָט ער געזאָגט. — אָט לייען איך דײַן ליד, און איך זע דיך — אין קלאַס, אויף מיין לימעד. אין אַן אַנדער אַאודיטאָריע, אין מעדיצינישן טעכניקום, זע איך דײַן מאַמע. דיך האָב איך געלערנט, און דײַן מאַמען לערן איך. אַ זעלטענע איבערלעבונג פאַר אַ לערער...

אין יענע ווײַטע דרײַסיקער יאָרן האָבן מיר, די שילער, מיטן ראַנד אויער געהערט, אַז באַ אונדזער פּאַרוואַלטער פון דער שול איז אַ ראָמאַנטישע, שיינע פאַרגאַנגענהײַט. הײַנט, ווען איך האָב איבערגעלייענט דעם ראָמאַן „יונגע יאָרן" און כ'האָב זיך דערוווּסט אייניקע פּראָטים פון קופּערמאַנס יוגנט, קלער איך מיט באַדויערונג וועגן דעם, ווי ווייניק מיר נוצן אויס אין אונדזער הײַנטיקער פּראַקטישער פּעדאַגאָגישער אַרבעט אָט אַזאַ מין מאַטעריאַל.

ווײַל מיט וואָס פאַר אַ אויגן וואָלטן מיר, יונגוואַרג, געקוקט אויף אונדזער פּאַרוואַלטער, ווען מיר זאָלן געוווּסט וויסן וועגן זײַנע קאָמיוגישע אופטועך אין די צוואַנציקער יאָרן! אָבער קופּערמאַן האָט באַשיידן געשוויגן וועגן זיי...

פֿאָשעט א לייענער

ווען בא אונדז, אין באַלאשאָווער פּעדאגאָגישן אינסטיטוט, דערמאָנט מען זײַנע גרינדער, רופֿט מען צווישן אנדערע אָן אויך מאָיסיי אבראַמאָוויטש שמידטן. פֿאַר מיר קלינגט אָט דער נאָמען ווי א ווידערקאָל פֿון ווײַטער געשיכטע: איך ארבעט אין דער דאָזיקער הויכשול ניט לאנג, כ׳בין געקומען אהער מיט עטלעכע יאָר נאָך שמידטס אוועקגיין אַף פּענסיִע, און איך בין זיך מוידע, אז ער האָט מיך גאָר ווייניק אינטערעסירט. פּערזענלעך האָב איך אים ניט געקענט. אפֿילע אין פֿאַבריקן הארבסט, דערוויסנדיק זיך, אז ער לעבט, ביז הונדערט און צוואנציק יאָר, ווײַנט טאקע דאָ, אין באַלאשאָוו, און מע׳ קאָן אים אײַנלאדן אַף די פֿײַערונגען, געווידמעט דעם פֿערציקסטן יאָרטאָג פֿון אונדזער אינסטיטוט, בין איך אויך ניט נישטוימעם געוואָרן. פֿאָשעט, איך בין דאן געשטאנען אין דער שפּיץ פֿון דער אינסטיטוטישער יוביל־קאָמיסיִע און צווישן אנדערע אויך אים פֿארבעטן אַפֿן פֿײַערלעכן אָוונט.

מײַן באקאנטשאַפֿט מיט מאָיסיי אבראַמאָוויטשן איז דעמלט פֿארבליבן א הינטער־אויגיקע: ער איז געווען קראנק — געלעגן אין שפּיטאָל. איך האָב זיך דעמלט באנוגנט בלויז מיט אַרײַנשטעלן זײַן נאָמען אין דער בראָשור וועגן אונדזער אינסטיטוט, וועלכע מע האָט צוגעגרייט אונטער מײַן רעדאקציִע.

א סוואָרע, אז מיט דעם וואָלטן זיך אונדזערע באציִונגען מיט מאָיסיי אבראַמאָוויטשן באגרענעצט. דאָס לעבן האָט זיך אָבער פּלוצעם א קער געטאָן צו מיר מיט אזא זײַט, וועלכע איז יאָרנלאנג געווען פֿארשאָטנט. די זעלבע פֿײַער־שײַן, וואָס האָט דערקוויקט מײַן הארץ, אופֿגעוועקט עס, באגײַסטערט, האָט דערלויבט מיר אַף א נײַעם אויפֿן, אינגאנצן אנדערש, דערזען מאָיסיי אבראַמאָוויטשן.

קליינערהייט פֿלעג איך שרײַבן לידער, אדהײַעם ווייס איך ניט, צי עס איז געווען פּאָעזיִע, צי קינדער־שפּיל. די שירים מײַנע פֿלעגט מען דרוקן, לייב קוויטקאָ האָט זיי באמערקט, מיט מײַן ליד הייבט זיך אָן די זאמלונג „קינדער־שאפֿונג״, וועלכע איז דערשינען אין כארקאָוו אין 1935. די עלטערע כאווירים זײַנען געווען איבערצײַגט, אז איך וועל

ווערן א פּאָעט. אָבער זייערע און מײַנע האָפענונגען זײַנען ניט מעקוייעם געוואָרן. אינעם נײַנטן נומער פונעם קיִעווער ליטעראַריש־קינסטלערישן זשורנאַל „פּאַרמעסט״ פאַרן 1937 איז אָפּגעדרוקט געוואָרן מײַן לעצטע ליד „דער וואַסערפאַל ווערט ניט פאַרפרוירן, מײַן פרײַנט, עס קאָן אים קאָוועָן דאָס אײַז״. כ׳האָב א טאָעס געהאַט. מײַן שעפערישער וואַסערפאַל איז פאַרפרוירן געוואָרן אף גאָר פיל יאָרן. ווײַזט אויס, אז די הויפּט־סיבע פון מײַן לאַנגדויערנדיקן שווײַגן ליגט אין מיר אליין: כ׳האָב זיך אָפּגעריסן פון דער סוויווע, וועלכע האָט גענערט מײַן שאַפונג, דער לעבנס־געוויטער האָט מיך אַרויסגעריסן פון איר מיט די וואָרצלען.

אין פיר צענדליק יאָר אַרום נאָך דעם, ווי אין דער צײַטונג „זײַ גרייט!״ זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן מײַנע ערשטע פערזן, האָט אין מײַן האַרץ ווידער א צאַפּל געטאָן א ליד אף מאַמע־לאָשן. און אָט דער אומקער צו זיך האָט מיר געעפנט די אויגן אף מאָיסיי אבראַמאָוויטשן. מיך האָט דערפרייט דאָס, וואָס ער אינטערעסירט זיך באַשטענדיק מיט דער אַרבעט פון די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער און איז א לאַנגיאָריקער אַבאָנענט פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״.

באַקענענדיק זיך מיט אים פּערזענלעך, האָב איך פאַרשטאַנען, אז אויסמײַדן אַזאַ מענטשן, וועלכער לעבט באַנאַנד, וואָלט געוויס געווען אן אַוולע. די בסורע, אַז ער איז א ליבהאָבער פון דער ייִדישער ליטעראַטור און בײַטיקט זיך ניט אין קיין איבערזעצער, וואָלט אין געוויינלעכע באַדינגונגען, ערגעץ אין קיִעוו, אָדער אין מײַן געבוירט־שטעטל קאָראָסטען, אָדער, אַשטייגער, אין לענינגראַד, ניט געדאַרפט אַרויסרופן קיין שום באַוווּנדערונג. נאָר דאָ, אין באַלאַשאָוו, ווו עס לעבן אָנדערהאַלבן ייִדן, עפּשער א ביסל מער, אויב גוט א זוך טאָן אין מײַן ווײַטעניש, ווערט פאַר מיר מאָיסיי אבראַמאָוויטש אן אַנטדעקונג.

כ׳דאַרף באַמערקן, אז באַלאַשאָוו איז גאָר ניט דאָס סאַמע ערגסטע אָרט אף דער ערד — איך האָב ליב באַלאַשאָוו, ער דערמאָנט מיר מײַן היימשטאָט אף אוקראַינע — קימאַט אַזאַ מין זוניקע, אַזאַ מין פרישע, פאַרפלייצטע מיט סעדער און גערטנער, א שטאָט מיט פילצאָליקע אונטערנעמונגען, מיט א דראַמאַטישן טעאַטער און עטלעכע קינאָ־זאַלן, מיט א פּעדאַגאָגיטן אינסטיטוט, דרײַ טעכניקומען...

הונדערט מיט פופציק יאָר צוריק האָט דער רוסישער שרײַבער אַלעקסאַנדער גריבאָיעדאָוו אין זײַן באַרימטער קאָמעדיִע אָנגערופן

סאַראַטאָוו — „העק". באַלאַשאָוו געהערט צו דער סאַראַטאָווער געגנט, אַזוי־אַרום קאָן מען זאָגן, אַז באַלאַשאָוו איז אַמאָל אויך געווען אַ העק. איצט איז אַן אַנדער צײַט, אַן אַנדער וועלט, אַנדערע מאָסן און מאַסשטאַבן. און כאָטש אַ טיפּע פּראָווינציע איז באַלאַשאָוו געבליבן, דאָך דאַרף מען זיך מיט אים ניט שעמען, אַפילו צו ייִדיש איז ער ניט אינגאַנצן טויב, אַ סימען האָט איר...

מאָיסיי אַבראַמאָוויטש וווינט אויף לענין־גאַס, 24. דאָס הויז — אַ פּינפשטאָקיקס, געבויט פון רויטע ציגל — געפינט זיך אין אַ גוטן ראַיאָן, ווו עס רוישט מיט יונגע ביימער דער שטאָט־פּאַרק, וואָס איז פאַרפלאַנצט אויפן אַמאָליקן מאַרק. איך שפּאַן אַרום איבער די אַלייען, לינקס — לענינס דענקמאָל מיט פיל בלומען צופוסנס. עטוואָס ווײַטער, איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן, ווי אַן אייביקער אָפּהילך פון אונדזערע געווונענע שלאַכטן, באַגעגענען מיך צוויי אָבעליסקן אין אָנדענק פון די געפאַלענע אין בירגערקריג און אין דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע.

ווען איך האָב זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן צו מאָיסיי אַבראַמאָ־וויטשן, איז געווען אַ מעכײַעדיקער וועטער — אַ ריינער בלויער הימל, אַ שטילע פרישקײַט, זאַפטיקע רייכעס פון בליִענדיקע בלומען. אָבער באַ אונדז דאָ טרעפט אָפט, אַז עס טוט אַ כלינע אַ רעגן אומדערוואַרט, און פונוואַנען נעמט ער זיך, איז ניט באַוווּסט: אָט ערשט איז אינעם הימל ניט געווען קיין פּיצל וואָלקנדל, אָבער מיטאַמאָל כאַפּט זיך אויף, ווי פון שלאָף, אַ ווינט, צערודערט אַ יאַם מיט כמאַרעס, שוואַרצע, צעפּאַטלטע, און עס טוט אַ שטראָם אַ גוסרעגן.

אָט אַזוי איז געווען אויך דאָס מאָל. געקומען בין איך צו מאָיסיי אַבראַמאָוויטשן אַן אויסגעווייקטער פונעם רעגן. אָבער אומזיסט האָב איך געקוועטשט דאָס עלעקטרישע גלעקל — דער באַלעבאָס פון דער זעקס־און־זעכציקסטער דירע איז ניט געווען אין דער היים.

זיך טרעפן מיט מאָיסיי אַבראַמאָוויטשן איז מיר געלונגען ערשט אין עטלעכע טעג אַרום. גיין צו אים פריִער איז באַ מיר קיין צײַט ניט געווען — כ'האָב געמוזט דרינגענד זיך פאַרנעמען מיטן אינסטיטוטישן מוזיי פון שלאַכט־רום, באַזונדערס מיט די עקספּאָנאַטן, וועלכע דערציילן וועגן דעם העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד וואַסילי דמיטריעוויטש רעוויאַקין, דעם אָנפירער פון דער סעוואַסטאָפּאָלער קאָמוניסטישער אונטערערד בייס

דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע. רעוויאַקין האָט געענדיקט אונדזער אינסטיטוט ערעוו דעם קריג, אָף זײַן בײַשפּיל דערציִען מיר אַצינד די סטודענטן.

ווען איך האָב זיך ענדלעך באַגעגנט מיט מאָיסיי אַבראַמאָוויטשן, זײַנען נאָך געווען זייער פריש בא מיר אין זיקאָרן די פּראָטים פון רעוויאַקינס לעבן, וואָס אונדז האָט זיך זיי אײַנגעגעבן אָפּצוזוכן. עפּשער דערפאַר האָב איך א טראַכט געטאָן, אַז מאָיסיי אַבראַמאָוויטש דאַרף אים, ווײַזט אויס, קענען, רעוויאַקינען — יענער האָט זיך געלערנט בא אונדז אין די יאָרן, ווען שמידט האָט דאָ געאַרבעט.

אָט פאַרוואָס דער שמועס מיט מאָיסיי אַבראַמאָוויטשן איז גלײַך אַוועק ניט אין דער ריכטונג, וואָס איך האָב פּלאַנירט. איך זאָג אים, ווער איך בין, און פרעג אים, צי געדענקט ער רעוויאַקינען און צי קאָן ער וועגן אים עפּעס דערציילן.

מיט א פינגער פאַריכט מאָיסיי אַבראַמאָוויטש די ברילן, קנייטשט אָן דעם הויכן בלאַסן שטערן, דערבײַ גיבן זיך עטוואָס א וויג די שיי־טערע זילבערנע האָר אָף זײַן קאָפּ, זײַנע ברייט־צעעפנטע אויגן פאַר־וואַנדלען זיך מיטאַמאָל אונטער די ברילן־גלעזלעך אין אומעטיקע גליִענדיקע שײַטערלעך.

ניין, רעוויאַקינען געדענקט ער ניט. מאָיסיי אַבראַמאָוויטש טוט א שמייכל בלויז מיט די ווינקלעך פון די ליפּן:

— גיי ווייס, אַז אַן אומבאַמערקטער סטודענט, א שטיל יִנגל, וועט ווערן א העלד... אייגנטלעך, אין יעדן מענטשן דרעמלט א גיבער, נאָר ניט בא אַלעמען וואַכט ער אויף. אַלץ איז געווענדט אין די באַדינ־גונגען...

ניט אופהערנדיק שמייכלען, לייגט מיר פאַר דער באַלעבאָס א ווייך בענקל, קוקט אָף מיר נײַגעריק, ווי איינער זאָגט: „וואָס זשע נאָך ווילסטו פון מיר?״

לאַנג וואַרטן לאָז איך אים ניט — אַזאַ מין טעווע איז בא מיר: גלײַך נעמען דעם אָקס פאַר די הערנער. כ׳פרעג, צי מיר וועלן ריידן אָף יִדיש.

— אָ, מיט גרויס פאַרגעניגן, — ענטפערט ווידער מיט א שמייכל מאָיסיי אַבראַמאָוויטש. מיר ווערט מיטאַמאָל זייער וואַרעם פון אָט דעם

שמייכל, און עס גייט אוועק א שמועס: איך דערצייל אים וועגן זיך, און ער — וועגן זיך.

— ווי.אזוי בין איך געקומען קיין באלאשאָוו? — פרעגט ער מיך איבער. — געוויינלעך.

פונעם שטעטל אוסוויאַטע, וויטעבסקער גובערניע אין ווײַסרוס־לאַנד, ווו ער איז געבוירן געוואָרן אין דער מישפּאָכע פון א באַלעגאָלע, האָט אים אופגעהויבן און אוועקגעפירט אין דער גרויסער וועלט דער אָקטיאַבער־געוויטער. דער פּאָטער האָט אין די ערשטע יאָרן פון דער ראַטנמאַכט צוזאַמען מיט נאָך א פּאָר צענדליק אַזעלכע קאַפּצאָנים, ווי ער, אָנגעהויבן בעשוטפעס באַארבעטן די ערד, איבער וועלכער ביז דער רעוואָליוציע איז געווען באַלעבאָס א דאָרטיקער גוטבאַזיצער. קיין קאָלווירט איז עס נאָך ניט געווען, נאָר געמיינזאַמע לאַנדווירטשאַפטלעכע מי האָט געטאָן אירס: געפורעמט א נײַעם שטייגער, נײַע געדאַנקען, נײַע האַסאָגעס, נײַע געפילן — נײַע מענטשן.

געלערנט האָט זיך מאָיסיי אַבראַמאָוויטש צוערשט אין אוסוויאַטער שול, דערנאָך אוועקגעפאָרן קיין אָדעס, פון דאָרטן — קיין דניעפּראָפּע־טראָווסק. פאַרענדיקט די מאַטעמאַטישע אָפּטיילונג פון דניעפּראָפּע־טראָווסקער ..אוניווערסיטעט, ..איז ער געוואָרן אַן אַסיסטענט אין רובעזשאַנסק, נאָכדעם א דאָצענט אין סאַראַנסקער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, ביז דער פאָלקאָמבילד שיקט אים אין 1935 ארבעטן אין באַלאַשאָווער אינסטיטוט.

א לעבן, וואָס מע קאָן עס איבערגעבן זייער קורץ: געלערנט, זיך געלערנט און אַנדערע געלערנט. און כוץ מאַטעמאַטיק, וואָס איז געווען זײַן פּראָפעסיע, האָט ער זייער ליב ליטעראַטור. „סאָוועטיש היימלאַנד" לייענט ער פונעם ערשטן נומער אָן.

— האַלעמײַ זאָל איך באַהאַלטן, — זאָגט ער, — דער זשורנאַל איז א מאַטאָנע מיר אף דער עלטער. א סאַך עלנטער וואָלט איך געווען אָן אים. א קאָרעוו איז ער מיר. כ'ווייס ניט, ווי.אזוי אײַך דערקלערן אַנדערש, ס'איז גוט, וואָס ער לעבט, דער זשורנאַל. אָט דאָס ווייס איך. ער איז, ווי יענק פײַערל, וואָס ווערט ניט פאַרלאָשן, פאַרקערט, צעברענט זיך, צע־פלאַמט זיך וואָס ווײַטער אַלץ מערער...

— קומט, — זאָגט צו מיר מאָיסיי אַבראַמאָוויטש, — וועל איך אײַך ווײַזן.

און ער פירט מיך צו צו זײַן ביכער־שראַנק, צעעפנט די טירלעך, און איך ווער איבעראַשט, עס פאַרכאַפּט מיר דער אָטעם: א גרויסע פּאָלי־צע פאַרנעמען די נומערן פון „סאָוועטיש היימלאַנד", קימאַט אַלע, פון דעם ערשטן ביז דעם לעצטן, וועלכע ער האָט שוין באַוויזן איבערלייענען.

זאָג איך אים:

— כ'בין אײַך מעקאַנע, כאַווער שמידט...

מאָיסיי אבראַמאָוויטש פאַרשטייט מיך אף זײַן אויפן:

— איך שטיי שוין אף דער שוועל — א שאָד, אף יענער־וועלט וועל איך מײַנע אוצרעס ניט קאָנען שלעפּן מיט זיך...

פּלוצעם וואַרפט ער א שאַרפן בליק אף מיר:

— איר ווייסט וואָס? איר טאַקע, אויב אַזוי, וועט זײַן מײַן יורעש.

ענטפער איך, אַז דאָס איז אַן איידעלע זאַך, ווער ווער ועמענס יורעש וועט זײַן, עס קאָן זיך אויסלאָזן פּונקט קאַפּויר. נאָר פאַר זײַן פּײַנעם פאַרלאַנג באַדאַנק איך מאָיסיי אבראַמאָוויטשן. ער גלעט מילד די פּילי־פאַרביקע רוקנדלעך פונעם זשורנאַל און מורמלט דערבײַ:

— א קרענק אין דעם מאַלעכהאַמאָוועסעס בײַנער אַרײַן, זאָלן אים זיסע מאַכעשייפעס דעם קאָפּ פאַרדולן. עפּשער וועט ער וועגן אונדז פאַר־געסן. אָבער... אָן אַן „אָבער" באַקומט זיך ניט קיינמאָל. וואָס טוט מען?

און דאָ הייבט אָן מאָיסיי אבראַמאָוויטש א ביסל זיך צו קלאָגן. וויפל ער לעבט אף דער וועלט, פּלעגט אים ניט אויסקומען צו ציילן די ייִדן. ייִדן — ניט־ייִדן, די דאָזיקע פראַגע איז פאַר אים ניט געשטאַנען ניט אין דער ערשטער היים, אף אוקראַינע, ניט דאָ, אין באַלאַשאָוו. איצט ציילט ער די צאָל ייִדיש־לייענער, זוכט, מיט וועמען זיך דורכריידן, זיך טיילן מיט די אײַנדרוקן וועגן די ווערק, וועלכע דרוקן זיך אין „סאָוועטיש היימלאַנד", דערוויסן זיך, וואָס עס טראַכטן אַנדערע מענטשן. וועלכע ווייסן די שפּראַך, געדענקען מאַמע־לשון. און אויב זיי קענען ניט לייענען, פאַרשטייען זיי עפּשער די שפּראַך...

און דאָ מאַך איך אַן אַנטדעקונג: צווישן מאָיסיי אבראַמאָוויטשעס צוהערער איז אויך נאָטע קופּטשיק, א דאָצענט בא מיר אין אינסטיטוט. אָט האָסטו דיר, און איך האָב אפילע ניט געוווּסט...

— פאַרוואָס זײַנט איר ניט אַרײַנגעפאַלן אין מײַנע הענט, ווייס איך ניט, — זשמורעט אָן אף מיר כיטרע די אויגן מאָיסיי אבראַמאָוויטש, — נאָר ס'איז גוט, וואָס איר האָט מיך אליין אָנגעטאַפּט. זייער גוט.

קומט מיר פלוצעם אפן געדאנק, און איך זאָג אים:

— איר ווייסט, וועגן אזא לייענער דארף מען דאָך אָנשרײַבן טאקע אין זשורנאל, אז אַנדערע זאָלן וועגן אים וויסן.

— וועגן מיר? — טוט מאַיסיי אבראמאָוויטש א קנייטש מיט די פּלייצעס, און איך זע, ווי זײַנע באקן ווערן עטוואָס פארויטלט. — וואָס וועט איר וועגן מיר מודיִע זײַן דעם עולעם? ווער בין איך? ניט קיין קינסטלער, ניט קיין ארטיסט, ניט קיין קולטור־טוער, ניט קיין מילכאָמע־העלד... כ׳בין ניט טיפּיש, כ׳בין פּאָשעט א לייענער.

קוק איך אף מאַיסיי אבראמאָוויטשן, אף זײַן קלוגן פּאָנעם מיטן הויכן שטערן, אף זײַנע אויגן, כ׳הער זיך צו צו זײַן שטים און טו זיך א פרעג: „עפּשער איז ער גערעכט?" ער איז א געוויינלעכער מענטש, אָן פּרעטענזיעס, ער איז ניט קיין דערשײַנונג, ניט קיין וווּנדער. נאָר גלײַך וואַכט אין מיר אוף א פּראָטעסט: „א לייענער איז ער. און דאָס איז דען ווייניק? האָט ער דען ניט קיין שטיקל שײַכעס צו ליטעראטור? ווײַל טאקע צוויי צדאָדים שאפן די ליטעראטור — מעכאברים און לייענער. דער שרײַבער רעדט ניט צו דער וואַנט, צו זיך אליין ריידן איז ניט קיין קונץ..."

— פון.. דער ..צווייטער.. זײַט, — דערהער.. איך.. ווידער מאַיסיי אבראמאָוויטשעס שטילע שטים, — אויב זיך גוט פאנאנדערקלײַבן, וואָלט מען געמעגט זאָגן, אז זײַן א לייענער איז אויך א יעש...

און איך, ווידער טראכט זיך: „זע נאָר, אבי איך האָב געמיינט, אז אין מײַן באלאשאָוו, אין מײַן טיפער ווײַטעניש, בין איך דער איינציקער, וואָס האלט אין די הענט דעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד"! און אויב ערגעץ, זאָל זײַן אין א העק, אין אזא מין, ווי מײַן באלאשאָוו, איז בא דיר פאראן א לייענער, כאָטש איין לייענער, מעגסטו שרײַבן, טײַערער מעכאבער, דײַן וואָרט וועט ניט פארלאָרן גיין, און באלד דערמאָן איך זיך, ווי אלעקסאנדער טווארדאָווסקי האָט אין דער פּאָעמע „נאָך דער ווײַט — א נײַע ווײַטעניש" געשריבן וועגן זײַן לייענער:

דו ביסט אזא מין דאָ, און אנדערער ביסט דאָ,
כ׳בין גליקלעך, פרײַנט, וואָס דו ביסט דאָ...

מאַיסיי אבראמאָוויטש פלעכט איבער די פינגער פוןביידע הענט, טוט מיט זיי א קנאַק. ער איז ערנסט, ער שפּאַסט ניט, ווען ער זאָגט, אז ער

איז אמאָל געווען אַ מאַטעמאַטיקער, דערפאַר מעג ער זיך דערלויבן אַ קלייניטשקע אָפּעראַציע מיט ציפערן: אויב אפילו נאָר איין פּראָצענט ייִדן לייענען בײַ אונדז דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", באַקומט זיך אַן אַרמיי פון העכער צוואַנציק טויזנט פּאַרשוין. אזא כּעזשבן.

— איר זײַנט מאַסקים? — קוקט ער מיר אַרײַן גלײַך אין די אויגן. — ווער ווייסט, עפּשער צוויי אָדער דרײַ פּראָצענט לייענט דעם זשורנאַל? אָדער נאָך מערער...

מיר שטייען נאָך אַלץ באַם ביכער־שראַנק. כּוץ „סאָוועטיש היימלאַנד" זע איך דאָ פיל אַנדערע ייִדישע ביכער. זיי שטייען אין שערענגעס — ייִדישע דערציילונגען, ראָמאַנען, לידער־זאַמלונגען.

— כ'בין שוין אַן אַלטער מענטש, — זאָגט מאַיסיי אַבראַמאָוויטש, — נאָר וועגן דער צוקונפט קלער איך. כ'וויל, אַז אין אַ סאך יאָרן אַרום זאָלן לעבן אונדזער שפּראַך און די ליטעראַטור אונדזערע. ווי קלערט איר, זיי וועלן בלײַבן אָדער ניין? מײַן דאָר וועט אַוועק, אײַער דאָר... נו, און ווײַטער?

ער טוט אַ טיפן זיפץ, פאַרבײַסט די אונטערשטע ליפּ:

— האָט ניט קיין פאַריבל, וואָס איך פרעג. אײַערע קינדער ווייסן ייִדיש? מײַנע זין — יאָ. אָבער די אייניקלעך... אוי, די אייניקלעך, די קינדס־קינדס־קינדער!

איך הער זיך צו אים צו און דערמאָן זיך נאָכאַמאָל טוואַרדאָווסקיס ווערטער וועגן לייענער...

אַ דאַנק דיר, פרײַנט, וואָס דו ביסט דאָ!

קרוויים

אין אומגעריכטער קלונג אין טעלעפאָן: מע לאַדט מיך אײַן אין רעסטאָראַן „אוראַל" אויף אַ צוזאַמענטרעף פון די דערציִגלינגען פונעם געוועזענעם מאָסקווער ייִדישן קינדערהיים.

גיין צי ניט גיין? כ'האָב דאַפקע געהאַט אַנדערע פּלענער, נאָר ווי קאָן מען זיך אָפּזאָגן פון אַ געלעגנהײַט זיך צו באַגעגענען מיט אומבאַקאַנטע מענטשן?

באם רעסטאָראַן אויף דער טשערנישעווסקי־גאַס האָבן זיך שוין פאַר־זאַמלט, פאַרן אַרײַנגיין אַהין, אַ פּאָר צענדליק באַיאָרטע פרויען און מאַנצבלען. אַ פּולבלעכע פרוי באַטראַכט מיך, טוט אַ קנייטש מיט די אַקסל:

— עפּעס דערקען איך אײַך ניט.

יאָ, אַוואַדע מיינט מען, אַז איך בין אויך אַ דערצויגלינג פונעם קינדערהיים און די צײַט האָט מיך אַזוי געענדערט...

— ס׳איז דען אַ כּידעש? — עסט מיך מיט די אויגן איינער פון די מאַנצבלען. — פופציק יאָר דורכגעלאָפן.

— גאָר אַ קלייניקייט, אַ האַלבער יאָרהונדערט, — איז מיט אים מאַס־קים נאָך איינער.

— פונדעסטוועגן, ווער זײַנט איר?

איך מאַך קלאָר דעם עיניען און נעם זיך באַקאַנען.

— אידע שרײַער־צימערמאַן, — דריקט מיר די האַנט די פּולבלעכע פרוי, און ווײַל זי איז געווען די ערשטע, וואָס האָט מיט מיר פאַרפירט אַ שמועס, הייבט זי אָן פאַרצושטעלן די איבעריקע.

מײַן אויפמערקזאַמקייט ציט צו אַן אַלטיטשקע מיט אַ לענין־אָרדען אין לאַץ. אַלע קוקן אויף איר מיט פאַרליבטקייט. איך פרעג בא שרײַער־צי־מערמאַן, ווער איז דאָס, און יענע ענטפערט:

— דאָס איז די כאַווערטע פאַניע, די פאַרוואַלטערן פון דער שול, אין וועלכער מיר האָבן זיך געלערנט.

צו אונדז גייט צו אַ פרוי מיט אַ שטראַלנדיק פּאָנעם, אויף וועלכן אַלץ טיילט זיך אויס: דאָס כיין־גריבעלע אינמיטן קין, די רויטלעכע באַקן, גלײַך מע וואָלט זיי בעקיוון געקניפּט, די פאַרב זאַל שטיין, די שײַנענדיקע אויגן. מײַן נײַע באַקאַנטע, ליובע דיווינסקאַיאַ, האָט מוירע, אַז איך וועל ניט געגנוג אָפּשאַצן, וואָס פאַר אַ מענטש עס איז זייער לערערן. דערקלערט זי מיר:

— אַזעלכע, ווי די כאַווערטע פאַניע, איז אומעגלעך צו פאַרשטיין אָן זייער אַרבעט, אָן די באַדינגונגען, אין וועלכע זיי זײַנען געווען טעטיק...

אינעם געשפּרעך האָבן זיך אַרײַנגעמישט מיטאַמאָל עטלעכע מענטשן. עס האָבן שוין גערעדט צו מיר אי ראַיע קאָרעצקאַיאַ, אי ליזע לערמאַן־שטיינבערג, אי נאָך איין ליזע — בלווּשטיין, אי אַ דריטע ליזע — זעלינ־גער, אי אַנאַטאָלי דון, אי בראָניע פריצקער, וועלכע זײַנען געשטאַנען

דערנעבן. ס׳איז געוואָרן קלאָר, אז די צונויפגעזאמלטע זײַנען גרייט צו דערציילן ניט בלויז וועגן דער כאווערטע פאניע, וועלכע האָט א היפשן כיילעק פון אירע 86 יאָר אָפגעגעבן זיי, נאָר אויך, און עפשער טאקע ניט ווייניקער, וועגן זיך, וועגן זייערע אייגענע גויראָלעס.

אין אָנהייב פון די צוואנציקער יאָרן האָבן איבער די וועגן און אומוועגן פון אונדזער לאנד, באזונדערס אין די מײַרעוו־שטעטלעך, כאָרעוו געוואָרענע אין די שלאכטן און פאָגראָמען, ארומגעוואָגלט פאריאָסעמטע קליינע קינדער. דעמלט טאקע האָט מען באשאפן פאר אָט די יעסוימים קינדערהײַזער. אין מאָסקווע זײַנען געווען עטלעכע יידישע. ליובע דיי־ווינסקאיא דערמאָנט זיך זייערע אדרעסן: לעבן די יאוזע־טויערן, אף דער באכמעטיעוו־גאס, אין טרובניקאָוו־געסל, א לאנדווירטשאפטלעכע קאָלאָניע אין מאלאכאָווקע. די כאווערטע פאניע גיט צו, אז פאר די אָפגעשוואכטע קינדער האָט עקזיסטירט א ספעציעלע יידישע וואלד־שול אין כימקי. דאָרטן האָבן די יעסוימים געוווינט און זיך געלערנט. שפעטער האָבן אלע יידישע מאָסקווער קינדערהיימען זיך פארייניקט, און ס׳איז געשאפן געוואָרן א פיאָנערן־הויז אף דער סעלעזניאָווקע־גאס, 19.

געלערנט האָבן זיך די דערצויגלינגען פון אָט דעם פיאָנערן־הויז אין דער יידישער שול אף דער באכמעטיעוו־גאס, ווו עס פלעגן באקומען בילדונג אויך די קינדער פון יידישע מישפאָכעס, וועלכע האָבן געוווינט דערנעבן, אין די ארומיקע ראיאָנען.

איך הער זיך צו, מיר איז אינטערעסאנט. אלנפאלס, כ׳דערוויס זיך וועגן א סאך אזוינס, וואָס עס לוינט פארגעדענקען. מײַנע מיטשמועסער זײַנען ארײַנגעטאָן אין זייערע זיכרוינעס, און ניט בלויז און ניט הויפטזאכלעך מיט פאקטן אָפערירן זיי, נאָר טעאָרעטיזירן, מאכן פאראלגעמיינערונגען.

פ. דייפט (כאווערטע פאניע): „אונדז איז אויסגעקומען אייניצייטיק לייזן פיל פראָבלעמען: סײַ פאריכטן דאָס געזונט בא די קינדער, אויסגעצערטע און אָפגעשוואכטע, און דאָס איז ניט געווען קיין פאָשעטע זאך אין די ערשטע הונגעריקע יאָרן פון דער רעוואָליוציע, סײַ צוועקמעסיק אײַנאָרדענען די לערן־ארבעט, אָרגאניזירן די קינדערשע זעלבסטפארוואלטונג, דערציען ארבעטס־געוווינהייט. די דערצויגלינגען פלעגן אליין זיך באדינען, געארבעט האָבן זיי אינעם שנײַדער־ווארשטאט. בא אונדז איז

געוועזן א קרײַזל פון מאָלערײַ, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט די לערערין א. ענגעל, מארק שאגאלס א שילערין, עס האָט פונקציאָנירט א דראמקרײַזל אונטער דער לייטונג פונעם ארטיסט פון דעם ייִדישן טעאטער בינימין זוסקין. קימאט אלע לערער האָבן געוווינט אין פּיאָנערן־הויז צוזאמען מיט די קינדער, און אלע אינײנעם זײַנען מיר געווען איין גרויסע מישפּאָכע"...

א. דון: „די יאָרן אין קינדערהיים האָבן זיך מיר פארגעדענקט ווי איין דורכויסיקער יאָמטעוו. מיסטאם איז עס בא אלע מענטשן אזוי: קלייניטשקע אומאָנגענעמלעכקײַטן, פארדראָסן און צאָרעס פארגעסן זיך, עס בלײַבט בלויז דער געפיל פון פרייד. דוכט זיך, א פּאראדאָקס: אין לאנד איז א שווערע עקאָנאָמישע לאגע, א גוואלדיקער מאנגל אין פּראָדוקטן, און בא אונדז אין פּיאָנערן־הויז איז קימאט אלץ פאראן. אין דער שול, ווו מיר האָבן זיך געלערנט, פלעגן אונדז מעקאנע זײַן פיל שילער „פון נאָרמאלע מישפּאָכעס". טוט א קוק אָט אף יענעם גראָוון יונגערמאנטשיקל. דאָס איז יוזיק באראנאָוו, ער וועט מיך ניט לאָזן זאָגן א ליגן. ביז איצט געדענק איך, ווי ער, יוזיק, האָט מיר איינמאָל מיט קינע געזאָגט:

— דיר איז גוט, דו ביסט א יאָסעם!

מיר איז טאקע געווען אינעם קאָלעקטיוו גוט. און ניט נאָר מיר — אלע דערצויגלינגען פונעם קינדערהיים. דער יעסאָד פון אָט דער גוטסקײַט איז, לויט מײַן מיינונג, באשטאנען אין דעם, וואָס דאָס פּיאָנערן־הויז האָט אונדז אויסגעלערנט ארבעטן. מיר האָבן געארבעט אלע — קליין און גרויס. געווען זײַנען בא אונדז פארשיידענע רינגען: א רינג פון שפּײַז־באזאָרגונג, א סאניטארן־רינג, א קולטור־רינג, און נאָך און נאָך. באדינט האָבן מיר זיך אליין אין אלע הינזיכטן. אויסער דעם, האָט מען אין פּיאָנערן־הויז געלערנט פארשיידענע מעלאָכעס. אפילע רוען האָבן מיר זיך ניט דערלויבט מיט אראָפּגעלאָזטע הענט. כ'דערמאָן זיך, אשטייגער, אין אזא פאל. נאָכן פארענדיקן דעם זיבעטן קלאס האָט מען אונדז פרעמירט מיט א רײַזע קיין קרים. אן אײַנגנארטיקע פרעמיִע איז עס געווען: צוויי וואָכן האָבן מיר געארבעט אין א ייִדישן קאָלווירט לעבן דזשאנקאָי און פארדינט געלט, קעדיי אין די ווײַטערדיקע צוויי וואָכן זיך אליין פינאנסירן און האָבן א מעגלעכקײַט צו בראָטן זיך אף דער זון באם שווארצן יאם"...

ר. קאָרעצקאיא: „פארשטייט זיך, אז ניט ווייניק צײַט איז אין קינדערהיים אויסגעטיילט געווען אף פארווײַלונגען. מע פלעגט אונדז א סאך לייענען, דערציילן... אלערליי קרײַזלעך זײַנען בא אונדז געווען, אָבער

אויך די אזויגערופענע פרײַע צײַט איז אויסגענוצט געוואָרן אַף עפּעס צו טאָן. ביכלאל וואָלט מען בא אונדז קיין ליידיקגייער באַטאָג מיט קיין ליכט ניט אָפּגעזוכט. ארבעט — דאָס איז געווען דער נאַטירלעכער צושטאנד אונדזערער. א בײַשפּיל אין דעם פּראַט פלעגן באַווײַזן אונדזערע דערציִער, בא וועמען זיך לערנען האָבן מיר געהאַט...״

ל. דיווינסקאיא: „אָנגעפירט מיטן קינדערהיים האָבן אינגאַנצן עטלעכע מענטשן — אַף צו איבערציילן זיי וועלן קלעקן די פינגער אַף איין האַנט: דער דירעקטאָר, דער פאַרוואַלטער פון דער ווירטשאַפט, דער קעכער, א וואָזשאַטע. און זעלבסטפאַרשטענדלעך — די לערער. דאָס פּיאָנערן־הויז און די שול, אין וועלכער מיר האָבן זיך געלערנט, שטעלן מיר זיך איצט פאָר ווי צ גליקלעכן צווילינג. דאָרט זײַנען מיר געוואָרן מענטשן, דאָרט האָט מען אונדז דערצויגן אין גײַסט פון ליבע צום סאָוועטישן היימלאַנד, געכאַוועט אין אונדז ערלעכקײַט, קאָלעקטיוויזם, פרײַנטשאַפט, דאָרט האָט מען אונדז אויסגעלערנט זעלבשטענדיק צו לעבן, אויסשטיין שוועריקײַטן און ניסיוינעס. מיר האָבן געהאַט גוטע שעפן: די פאַבריק אַף נאָגינס נאָמען, דער מאָסקווער יִדישער טעאַטער. מיר פלעגן פון זיי באַקומען הילף. אויך מאַטעריעלע. דער טעאַטער האָט אײַנגעאָרדנט א ריי קאָנצערטן לעטויוועס אונדז, און די בילעטן אַף די קאָנצערטן פלעגן מיר אליין פאַרשפּרייטן...״

ב. פריצקער: „ס׳איז גאָר ניט קיין כידעש, וואָס מיר באַגעגענען זיך איצט ווי נאָענטע קרויווים. דאָס פּיאָנערן־הויז האָט אונדז פאַרייניקט אין איין מישפּאָכע. ווען מע זאָל מיך איצט פרעגן, וואָס עס איז בא אונדז געווען דאָס סאַמע אומפאַרגעסלעכע, וואָלט איך געזאָגט: די זעלבסטפאַרוואַלטונג. אונדזערע כאַראַקטערס האָבן זיך אויסגעקריסטאַליזירט אַדאַנק איר״.

ל. זעלינגער: „בא מיר זײַנען געווען עלטערן, איך האָב געלעבט אין א מישפּאָכע, נאָר אין פּיאָנערן־הויז פלעג איך גיין, ווי צו זיך אַהיים. און אַזוי אַלע שילער. די דערציִער האָבן זיך צו אַלעמען באַצויגן, פּונקט ווי זיי וואָלטן געווען אונדזערע לײַבלעכע טאַטע־מאַמע. האָט עמעצן אינטערעסירט טעאַטער, פלעג ער באַזוכן דעם דראַמאַטישן קרײַז, מיטן טאַנץ־קרײַז האָט אָנגעפירט די באַלערינע ווערע שאַבשײַ. ווילסטו — נעם א האַק צי א זעג אינעם סטאָליער־וואַרשטאַט און פאַריכט דעם טיש, אָדער א בענקל. אויב עס געפעלט דיר שלאָסערײַ, זײַנען פאַראַן אַלע נייטיקע אינ־

סטרומענטן אינעם שלאָסער־וואַרשטאַט. מיר האָבן געקאָנט באַקומען די ערשטע געוווינהייטן אין אַזעלכע פאַכן, ווי נייען, צושנײַדן, אײַנבינדן. מע האָט אונדז גאַסטפרײַנטלעך אויפגענומען אויך אויף דער טריקאָטאַזש־פאַבריק"...

ל. בלוושטיין: „אונדזערע יינגלעך האָבן באַזונדערס ליב געקראָגן דאָס ראַדיאָ־קרײַזל. מיך פאַרזענלעך האָט באַגײַסטערט די „בלויע בלוזע", אַצינד רופט מען עס — אַגיטבריגאַדע. פריילעך, לוסטיק, טרעפלעך פלעגן מיר אַרויסטרעטן מיט אייגנאַרטיקע פּראָגראַמען, מערסטנטייל מיט בופּאָ־נאַדעס. באַ מיר האָט זיך פאַרהיט אַ טאָגבוך, וועלכן כ'האָב געפירט אין יענע יאָרן. אויף ייִדיש, פאַרשטייט זיך. אַהין האָב איך אַרײַנגעשריבן אַ קופּלעט, מיט וועלכן כ'האָב אָנגעהויבן איינע פון אונדזערע פאָרשטעלונ־גען:

מיר זײַנען רויטע האַלדזטוכער —
מיר טרעטן דאָ אַרויס,
מיר ווייסן אַלע פעלערן
פון פּיאָנערן־הויז...

מיט אָט דער בופּאָנאַדע זײַנען מיר אַרויסגעטראָטן אין 1928 אויף דער אַלפאַרבאַנדישער ראַדיאָ. דער ראַדיאָ־צענטער פונעם לאַנד האָט זיך דעמאָלט געפונען אויף דער אָרט, וווּ עס שטייט איצט דער קינאָטעאַטער „ראָסיאַ". בעשאַס אונדזער אַרויסטרעטונג זײַנען דאָרט פּונקט געווען וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי און מאַקסים גאָרקי. מאַיאַקאָווסקי האָט געלייענט זײַן ליד „לינקער מאַרש". ער האָט זיך געסטאַרעט, געדענק איך, אַרײַנ־ריידן יעדעס וואָרט דירעקט אין מיקראָפאָן, צורירנדיק זיך דערבײַ צו אים מיט זײַנע פולבלעכע ציטערנדיקע ליפּן. ער האָט אויך געפאָכעט מיט דער האַנט, פּונקט ווי אַרײַנגעקלאַפּט אין עפּיר די שורעס, ווי טשוועקעס. יענער טאָג האָט זיך מיר פאַרגעדענקט אויך דערמיט, וואָס נאָך דער אַרויסטרעטונג האָט מען אַלעמען אָוועקגעשטעלט אַ געשמאַק מײַכל — אַ סוף מיט וואַרנעטשקעס און פּאַסאָליעס"...

ל. לערמאַן־שטיינבערג: „מיר האָבן ליב געהאַט אונדזערע לערער. אָן אויסגעצייכנטע לערערן איז געווען די כאַוואַרטע ריימאַן, זי האָט אונטע־ריכט פיזיק, כימיע און ביאָלאָגיע. עס האָט אונדז, ווײַזט אויס, פּאַסעט אָפּגעגליקט מיט גוטע פּעדאַגאָגן. און זיי זײַנען אויך מיט אונדז געווען

צופרידן. אָט שטייט דאָ דערנעבן אנאטאָלי דון. איינעם מיט אים זײַנען מיר, אגיטאטאָרן, ארומגעגאנגען פון שטוב צו שטוב, געקלאפּט אין די טירן פון די ייִדישע מישפּאָכעס, אײַנגעטײַנעט, מע זאָל אָפּגעבן דאָס קליינוווארג אין שול ארײַן — דעמלט איז נאָך די לער ניט געווען קיין אָבליגאטאָרישע. אָן אקטיווע טעטיקײַט האָבן מיר געפירט אין דער פּיאָ־נערן־אָרגאניזאציע. מיך האָט מען אין 1929 אויסגעוויילט אלס דעלעגאט פונעם ערשטן אלפארבאנדישן פּיאָנערן־צונויפלי. עפּעס א קלייניקײַט — פינף הונדערט כעוורע פון אונדזער ראיאָן האָבן געשיקט אָף דעם יאָמ־טעוו פון די יונגע לעגינצעס דרײַ פאָרשטייער. און צווישן זיי — מיך. נאָך מער, מע האָט מיך אויסגעוויילט אין פרעזידיום. די זיצונגען פונעם צונויפלי זײַנען פאָרגעקומען אינעם גרויסן טעאטער. ווען מיר האָבן צו־געייגנט דעם טיטל ערן־פּיאָנער לונאטשארסקין, איז מיר אויסגעפאלן דאָס גליק אים אָנטאָן דעם רויטן האלדזטוך. אנאטאָלי וואסיליעוויטש האָט א שמייכל געטאָן מיט זײַנע צוגעזשמורעטע אויגן דורך די פענסנע: „איך זאָג צו, אז כ׳וועל זײַן א גוטער פּיאָנער...”

צום געדעקטן טיש אין געראמען זאל פונעם רעסטאָראן האָב איך זיך צוגעזעצט אזוי, אז ס׳זאָל מיר זײַן באקוועם צו באָאבאכטן מײַנע נײַע פרײַנט.

דעם ערשטן לעכאַים האָט געזאָגט אנאטאָלי דון. אופהייבנדיק דעם בעכער, האָט ער פאָרגעלייגט זיך אומקערן צו יענער צײַט, ווען די מענטשן, וואָס זיצן דאָ באם טיש, האָבן איינער דעם אנדערן געדוצט... און זאָל אָט די באגעגעניש זײַן ניט די לעצטע.

כאָטש אלערלייִק האָבן אויסגעזען די וועגן, מיט וועלכע יעדערער איז געקומען אין פּיאָנערן־הויז, זײַנען זיי אין טאָך געווען ענלעך איינער אפן צווייטן.

אנאטאָלי דונס וועג ציט זיך פונעם שטעטל ראָדניע, מאָגיליאָווער גובערניע. אין 1919 איז אומגעקומען דער פאָטער, אין א יאָר ארום איז געשטאָרבן די מאמע. טאָליע, צוזאמען מיט דער קלענערער שוועסטער, קומט אָן אין קינדערהיים פונעם ווײַסרוסישן שטעטעלע גאָרקי און פון דאָרטן — אין דעם מאָסקווער פּיאָנערן־הויז.

מײַן שכיינע פון לינקס איז כאַנע קראַסנאַיאַ. איר מישפּאָכע איז אומ־געקומען בייסן פּאָגראָם. אויך זי איז געווען פארוואנדעט, דרײַ מעסלעס

אָפּגעלעגן אין קעלער צוזאמען מיט די געהארגעטע. געראטעוועט האָבן זי די רויטע פּארטיזאנער. מע האָט זי געפונען א קוים לעבעדיקע, אָפּגעמינטערט, איבערגעבונדן איר די ווונדן.

א צוג מיט בעזשענצעס האָט געבראכט כאנעלען קיין אומאן, פון דאָרט אין דער נעמיראָווער ייִדישער לאנדווירטשאפטלעכער קאָלאָניע, ווו מע האָט די קינדער געלערנט פאשען פי, גראָבן גערטנער, מעלקן בעהיימעס. דערנאָך האָט זיך אָפּגעזוכט כאנעס עלטערע שוועסטער אין מאָסקווע. אינעם קליינעם שמאָלן צימערל, ווו די שוועסטער האָט געוווינט מיט איר מאן דעם בולגאר, א מיטארבעטער פון פראָפינטערן, האָט מען געקאָנט אוועקשטעלן בלויז איין בעטל... אין קינדערהיים האָט מען צוערשט כאנען ניט אריינגענומען. זײַנען די שוועסטער און איר מאן אוועק אף אן אופנאם צו קלארע צעטקין. די אלטע דײַטשישע קאָמוניסטקע האָט זיי אופמערקזאם אויסגעהערט און אָנגעשריבן א בריוו אין מאָסקווער געגנטלעכן אָפּטייל פון פאָלקסבילדונג, געבעטן, מע זאָל כאנעלען ארײַנעמען, אלס אויסנאם, אין פיאָנערן־הויז אף סעלעזניאָווקע. אָט דער בריוו ווערט אָפּגעהיט אין כאנעס מישפּאָכע ווי די טײַערסטע רעליקוויע. אָט אזוי האָט זיך אינעם גוירל פון א פאריאָסעמט ייִדיש מיידעלע ארײַנגעריסן דער ברויזנדיקער געוויטער פון דער רעוואָליוציע מיט זײַנע געשריבענע און ניט געשריבענע טאקאָנעס פון מענטשן־פרײַנטשאפט און פעלקער־פרײַנטשאפט. איך האלט אין די הענט קלארע צעטקינס בריוו, און בא מיר איז אזא געפיל, אז איך ריר זיך צו צו דער געשיכטע אליין.

שפּעטער, אין יאָרן ארום, וועט כאנע קראסנאיא בײַזײַן אף קלארע צעטקינס לעווײַע, זי וועט פארומערט שטיין אף דעם רויטן פּלאץ אין מאָסקווע, ביטערע טרערן וועלן רינען איבער אירע באקן, זי וועט דאָס צווייטע מאָל דערפילן דעם שוידער פון פאריאָסעמט ווערן...

עפּעס ענלעכס איז פאָרגעקומען מיט פאניע רודשטיין פונעם ווײַסרוסישן דערפל קאָכאנאָוואָ הינטער אָרשע. כאָטש עס האָט זי, די קײַלעכדיקע יעסוימע, ארויפגעבראכט קיין מאָסקווע דער פעטער, נאָר ווינען איז ניט געווען ווו, אײַנאָרדענען פאניען אין קינדערהיים האָט זיך אויך ניט אײַנגעגעבן. איז מען אוועק אין פאָלקאָמבילד אף טשיסטיע פּרודי, צו נאדיעזשדא קרופּסקאיא. נאדיעזשדא קאָנסטאנטינאָוונא האָט ווי א לײַבלעכע מוטער געקראָגן פאר פאניען אן אָרט אף דרײַ כאדאָשים אין פּיאָ־

נער־לאַגער הינטער מאָסקווע, דערנאָך, גלײַך פֿון דאָרט, איז דאָס מיידעלע שוין אָנגעקומען אין קינדערהיים.

בראָניע פּריצקער פֿון בעלאָצערקאָוו האָט צוערשט געלעבט בא דער שוועסטער אין א סטודענטישער צוזאַמענוווינונג, דערנאָך, שוין אין קינדערהיים, איז זי א לאַנגע צײַט אויך געשלאָפֿן מיט נאָך א מיידעלע אַף איין בעטל — עס האָט פּאַשעט ניט געקלעקט קיין אָרט פֿאַר איר...

באַם פּאַרוואָרלאָזטן מישע ביים פֿונעם דאָרף איוואַנאָווקע הינטער מעליטאָפּאָל זײַנען געווען אַנדערע שוועריקײַטן. ביזוואַנען ער איז דערגאַנגען צום קינדערהיים, לאַכלוטן ניט מיט קיין גרינגע וועגן, האָט ער פֿאַרגעסן צו ריידן אַף ייִדיש, און אין קינדערהיים האָט ער זיך געדאַרפֿט לערנען, וויִאַזוי דורכצורײדן זיך מיט זײַנע כאַוויירים פֿון דער גרופּע. אויסגעלערנט האָט ער זיך אויך צו זײַן א באַראַבאַנשטשיק. דאָס פּײַקל איז געווען זײַן לײַדנשאַפֿט.

א ביסל אַנדערש זעט אויס דער וועג צום פּיִאָנערן־הויז בא די ברידער סקורקעוויטש — עליע און סיאָמע. זייער פֿאָטער איז געווען א פּאָליט־עמיגראַנט פֿון ליטע. אין פּיִאָנערן־הויז האָבן, לויט דער שטאַדלאָנעס פֿון מאָפּר, זיך דערצויגן א סאַך קינדער פֿון פּאָליט־עמיגראַנטן.

ווערע מינסקאַיאַס עלטערן זײַנען געשטאָרבן פֿון הונגער.

זעליק אַלשיצן און זײַן שוועסטער טײַבעלע האָבן אין פּיִאָנערן־הויז אויך געבראַכט טראַגישע געשעענישן — זייער פֿאָטער איז אומגעקומען בייס א פּאָגראָם, די מוטער — אין א סרייפֿע.

ליובע באַסאָק, יאָסל שמוץ, הערשל דובין — מיט איין וואָרט אַלע דערצויגלינגען פֿונעם קינדערהיים, מיט וועלכע איך האָב זיך באַקאַנט בייס דער באַגעגעניש, זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן אין פּיִאָנערן־הויז מאַכמעס שווערע אומשטאַנדן. און אָט אַזוי זײַנען זיי געוואָרן קרויווים, נאָענטע און לײַבלעכע. אַז דאָ האָט זיך צונויפֿגעזאַמלט איין גרויסע מישפּאָכע, איז מיר געוואָרן באַזונדערס קלאָר, ווען אַנאַטאָלי דון האָט פֿאָרגעלייגט באַגריסן זייער לערערן דייפּט — די כאַווערטע פֿאַניע — זייער אַלעמענס מאַמע.

פֿאַניע סאָלאָמאָנאָוונע איז פֿאַמעלעך אופֿגעשטאַנען. אַלץ, וואָס איר זיקאָרן האָט פֿאַרהיט, וועגן וואָס זי האָט דערמאָנט, איז געווען אַלעמען נאָענט, בא יעדערן האָבן דערבײַ אופֿגעוואַכט אייגענע זיכרוינעס...

דערנאָך רעדט מײַן „אַלטע באַקאַנטע" אידע שרײַער־צימערמאַן. ווען זי איז געגאַנגען אַהער אַף דער באַגעגעניש, האָט זי געקלערט, אַז זי וועט

קיינעם ניט דערקענען. דערקענט! קימאט אלעמען. בלויז דאַווידקע אראַנאַוון האָט זי ניט געקאָנט אָפּזוכן. דאַווידקע איז געווען איר ערשטע ליבע. דאָס איז זי צו אים געלאָפן אַף איר ערשטן ראַנדעוווּ אין קינאָ־טעאַטער, ווו מע האָט דעמאָנסטרירט דעם פילם „די פּרוי פונעם באָקסיאָר"...

יונגע ליבעס זײַנען אינעם פּיאָנערן־הויז געווען גענוג, שפּעטער זײַנען א סאך פון זיי איבערגעוואַקסן אין רײַפע מענטשלעכע געפילן און מיט דער צײַט באַשאַפן גליקלעכע מישפּאָכעס. טאַקע בא אָט דעם טיש זיצן זיי, די אַמאָליקע יונגע פאַרליבטע: מישע ביים און ווערע מינסקאַיאַ, יאָסל שמוץ און ליובע דיווינסקאַיאַ. ניט בא אַלע מישפּאָכעס איז דער גוירל געווען א מאַזלדיקער. כאַנע קראַסנאַיאַ, אַשטייגער, האָט איבערגעלעבט א דראַמאַטישע ליבע, איר מאַן, וועלוול שניידער, אויך א דערצויגלינג פונעם קינדערהיים, איז פריצײַטיק אוועק פון דער וועלט. אידע שרײַערס ליבע איז, ווי פיל אַנדערע, געווען טראַגיש. איר געליבטער האָט זיך ניט אומגעקערט פון דער מילכאָמע. ווען אידע האָט זיך אָנגעפרעגט, צי דאַוויד אראַנאָוו וועט קומען אַף דער היינטיקער באַגעגעניש, האָט מען איר געענטפערט, אַז ער וועט היינט דאָ ניט זײַן, ער וועט שוין קיינמאָל ניט זײַן...

מישע ביים רײַסט מיטאַמאָל איבער אידעס טאָסט, ער טוט זיך האַסטיק א הייב אוף און מיט אימפּעט, וועלכער זאָגט איידעס, אַז ער איז אַמאָל געווען א לײַדנשאַפטלעכער פּויקער, זאָגט ער:

— לאָמיר דערמאָנען די געפאַלענע — אַלע די, וועלכע זײַנען שוין ניטאָ מיט אונדז!

דאָס שטילשווײַגן געדויערט מער, ווי געוויינלעך אין אַזעלכע פאַלן, פיל מער, ווי א מינוט, די צונויפגעזאַמלטע אײַלן זיך ניט איבערײַסן דעם אופגעוועקטן ווייטעק, ס'איז פּאַראַן, צום באַדויערן, וועגן וועמען צו טראַכטן אין אָט די רעגעס, אָנהייבנדיק פון דער ווײַטער ווײַטעניש, פון טאַטע־מאַמע, פון יענע בלוטיקע כאַדאָשים און טעג, וועלכע האָבן די קינדער פאַרוואַנדלט אין יעסוימים. איין מינוט איז בעפיירעש ווייניק אַף צו דערמאָנען אַלעמען... ניין, גאָרניט פאַרגעסט מען ניט, קיינער איז ניט פאַרגעסן.

פונעם קריג זײַנען ניט געקומען צוריק די ברידער פּינדריקאָוו — איציק און בערל; דרײַ ברידער ליאַק; דאַוויד אראַנאָוו; אווראָם רייכמאַן;

באַרע שאַכטמײַסטער; צווײ געװעזענע פּאַרוואַלטערס פֿונעם קינדערהײם — לײַפּמאַן און גאָלדבערג; זאַגאַלסקי, דימאַרסקי, ראַבינאָוויטש...

אַנאַטאָלי דון האָט צוגעמאַכט די אויגן, טרויעריק פֿאַרקלעמט די ליפּן. עטוואָס שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, וועגן וואָס ער האָט אין אָט דער ווײַלע געקלערט: אַלע זײַנע קרובֿים אין ווײַסרוסלאַנד, אַלע פֿרײַנט, וועלכע זײַנען דאָרט פֿאַרבליבן, האָבן די פֿאַשיסטן אומגעבראַכט... (אַ מאָדנע זאַך — דער גורל. אַנאַטאָלי דון האָט אַ שוועסטער. עס זײַנען אומגעקומען איר מאַנס אַלע אַכט ברידער, האָגאַם קײנער פֿון זײ האָט ניט געדינט אין דער אַרמײ. בלויז ער, דער שוועסטערס מאַן, האָט מילכאָמע געהאַלטן אַלע פֿיר יאָר, און ער איז געבליבן לעבן...).

פֿאַניע סאָלאָמאָנאָוונע דײַפּט זאָגט, קוקנדיק אויף אירע געוועזענע שי־לער מיט פֿײַכטע גלאַנצנדיקע אויגן:

— גליקלעכער פֿון מיר איז הײַנט דאָ קײנער ניטאָ. איך זע, אַז יעדע־רער פֿון מײַנע דערציִוגלינגען האָט דערגרײכט זײַן ציל. עכטע סאָוועטישע בירגער, ערלעכע האָרעפּאַשניקעס האָבן מיר דערצויגן. אַרבעטער, אינ־זשעניערן, דאָקטוירים, געלערנטע, אַפֿילע אַ מיניסטער אַן אײגענעם האָבן מיר, דעם כאַווער דובין...

— נײן, קײן מיניסטער בין איך ניט, — דערווידערט מיט אַ שמײכל הערשל דובין. — בלויז דער שעף פֿון אַ גלאַוווק, מיטגליד פֿון דער מיניס־טעריום־קאָלעגיע, ניט מער...

— אַלץ דערעסט דעם מענטשן... — שפּאַסט מיכאַיל קאָטליאַר.

— ביסט ניט גערעכט, — זאָגט ליובע דיווינסקאַיאַ. — פֿיר יאָרצענד־ליקער אָפּאַרבעטן אין פּאָליגראַפֿיע, זײַן אַ לינאָטיפּיסטקע קאָן, דוכט זיך, דערעסן, אָבער איך טראַכט פֿון דעם ניט קײן קאַפּעטשקע. מײַן באַשײדענע מי פֿאַרשאַפֿט מיר טאָמיד פֿרייד.

מע האָט גערעדט, ווי געוויינלעך אין אַזעלכע פֿאַלן, איבערשלאָגנדיק אײנער דעם אַנדערן, סײַ היציק, סײַ מיט היספּײַלעס, אָבער מיט דערעכע־רעץ צו זיך און צו די כאַווײרים. דער לייטמאָטיוו איז געווען: דער קינ־דערהײם האָט אַלעמען אויסגעלערנט אַרבעטן, זײַן מיט מענטשן גלײַך. זעליק אַלשיץ איז דאָ ניט לאַנג באַלוינט געוואָרן מיט אַ מעדאַל „פֿאַר רומפֿולער מי״. ער איז אַ לײַדנשאַפֿטלעכער פֿילאַטעליסט: וועגן דער בראָנ־זענער מעדאַל, וואָס ער האָט באַקומען אויף אַן אויסשטעלונג אין בעלגיע,

האָט די צײַטונג „וועטשערניאיא מאָסקוואַ״ מיטגעטיילט דעם 19 אַפּרעל 1978, בראָניע פּריצקער האָט 37 יאָר אָפּגעאַרבעט אויף דער אײַזנבאַן. העכער דרײַ צענדליק יאָר האָט כאנע קראַסנאַיאַ אָפּגעגעבן דער מאָסקווער קינאָסטודיע „מולטפילם״ — געווען דאָרטן אַ קינסטלערן. אלס קאסירן אַרבעטן איצט בעלע זעלינגער און ליזע בלוושטיין. טײַבל אַלשיץ איז אַ לאַנגע צײַט געווען אַ דיספּעטשער אינעם מאָסקווער מעטראָפּאָליטען, באַדינט די פאַרבינדונגס־אַפּאַראַטן. ליובע באַסאָק האָט נאָכן קינדערהיים געענדיקט אַן עקאָנאָמישן טעכניקום און איז אָוועקגעפאָרן אויפן ווײַטן מיזרעך.

ניט אַלעמען איז באַשערט געווען צו דערלעבן ביז אָט דעם יאָמטעוו. ליזע לערמאַנס ברידער — זיאַמע, וואָווע און כאַים זײַנען אומגעקומען אויפן פראָנט. דער פאָדעם אָבער שפּינט זיך ווײַטער. ליזעס טאָכטער האָט געענדיקט דעם מאָסקווער אוויאַ־אינסטיטוט, זי איז אַ קאָנסטרוקטאָר; ליזעס זון איז אַן אַספּיראַנט. קינדס־קינדער וואַקסן שוין אונטער...

די דערצויגלינגען פונעם מאָסקווער ייִדישן קינדערהיים אײַלן זיך ניט אוועקצוגיין אויף פּענסיע. מישע ביים, וועלכער האָט קוים צוויי צענדליק יאָר אָפּגעדינט אין דער אַרמיי אַלס אָפיצער (ער איז באַלוינט מיט צוויי אָרדענס פונעם רויטן שטערן און מיט מעדאַלן), אַרבעט אַלס שעף פון אַן אָפּטייל אין אַ בוי־טרעסט. איצט שאַפט זײַן טרעסט דיספּעטשערישע פאַרייניקונגס־מיטלען פאַר די קאָמפּלעקסן, וועלכע מאָסקווע גרייט צו דער אָלימפּיאַדע־80. סעמיאָן סקורקאָוויטש איז אין צענטראַלן אינסטיטוט פון געמאַטאָלאָגיע אין מאָסקווע אַ פּראָפעסאָר, דאָקטאָר פון מעדיצינישע וויסנשאַפטן. ראַיע קריוואָשיי איז אָנגעקומען אויפן ערשטן מאָסקווער זייגער־זאַוואָד אין 1933 און אַרבעט דאָרט ביז הײַנט־צו־טאָג. זי איז אַ שטאַמפּאָוושטשיצע, גרייט אויף אַ שטאַמפּ־מאַשין די ציפערבלאַטן פאַר זייגערס. אידע שרײַער איז אַ דאָקטער אין דער מאָסקווער פּאָליקליניק נומער צוואַנציק. אין משך פון זעכצן יאָר איז זי דער פאָרזיצער פונעם פראָפאַריינישן קאָמיטעט. אַנאַטאָלי דון אַרבעט אויף איין און דעם זעלבן זאַוואָד שוין פינף און דרײַסיק יאָר. גלײַך נאָכן קינדערהיים איז ער אָנגעקומען אין אַן אַרבפּאַק, דערנאָך געענדיקט דעם פיזישן פאַקולטעט פונעם מאָסקווער מעלוכע־אוניווערסיטעט. אַצינד איז דון דער שעף פון אַ לאַבאָראַטאָריע אויפן מאָסקווער זאַוואָד פון אויטאָטראַקטאָר־עלעקטראָאַפּאַראַטור.

ניין, איך האָב ניט קיין כּאַראַטע, וואָס דער גורל האָט מיך צונויפ־געפּירט מיט די דערצויגלינגען פונעם געוועזענעם מאָסקווער ײדישן קינ־דערהיים. איצטער דוכט זיך מיר שוין, אַז זיי זײַנען קרויווים ניט נאָר צווישן זיך, נאָר אויך מײַנע קרויווים.

קליאַנגען

אונדזער ערשטע קוואַרטיר אין מוראָם איז געוועזן אַ געדונגענע. מיר האָבן אַ גאַנץ יאָר געלעבט, ווי אויף אַ ווולקאַן — יעדע מינוט געוואַרט אויף אַן אויסברוך: קוים וווינסטו בײַ אַ באַלעבאָסטע, און דערצו נאָך בײַ אַן „אַנטיקל", ביסטו פולשטענדיק איר אונטערטעניקער. אָבער סאָפּקאָלסאָף האָט אונדז אויסגעלייזט דער פּעדאַגאָגישער אינסטיטוט, אין וועלכן מיר האָבן אונטעריכט, מײַן פרוי — רוסישע ליטעראַטור, איך — צייכענונגס־געאָמעטריע. דער אינסטיטוט האָט אונדז אויסגעטיילט צוויי שמאָלע צי־מערלעך אין איינער פון זײַנע צוזאַמענוווינונגען.

אין דער נײַער דירע זײַנען מיר אַריבערגעפאָרן אומגעריכט: אָנגע־לאָדן די טשעמאָדאַנדלעך און דאָס בעטגעוואַנט אויף אַ וואָגן, איבערגע־בונדן דאָס ביסל גוטס מיט אַ שטריקל, און וויאָ, מײַנע פערדעלעך, אַפילו זיך ניט אַרומגעקוקט צוריק.

איך האָב געהאָלפן דעם אינסטיטוטישן פורמאַן דעם טאַטער סאַמאַטן, וואָס האָט אַלץ געטאָן פּאַוואָליע, שווײַגנדיק. געהאָלפן צוטראָגן די כּפיי־צים, פאַנאַנדערשטעלן זיי, אַראָפּנעמען אַלץ פונעם וואָגן, און דערווײַל זיך צוגעקוקט צו אים, זיך געסטאַרעט פאַרשטעלן, וואָס פאַר אַ מענטש איז ער, מײַן קינפּטיקער שאָכן.

דער ערשטער אײַנדרוק נאַרט קיינמאָל ניט אָפּ. דער פּעטער סע־ריאָזשע — סאַמאַט האָט געבעטן, מע זאָל אים אַזוי רופן — איז מיר גע־פעלן. ער האָט אַרויסגערופן צוטרוי. „ס'וועט זײַן רעכט. מירן זיך, מיס־טאַם, מיט אים ניט קריגן", — האָב איך געקלערט.

אָפּדערנאָכט, נאָך דעם, ווי מיר האָבן זיך מער־ווייניקער אײַנגעאָרדנט אויפן נײַעם אָרט, זײַנען מיר זאַלבעדריט — איך, מײַן פרוי און דער זון ליאָווע — אַרויס אין הויף אַ ביסל זיך אָפּרוען. מיר זײַנען גלײַך אַרײַנ־

געפאלן אין דער ארומרינגלונג פון א טשאטש שווארץ־אויגיקע קינדער־לעך, איבעראשנדיק ענלעכע אפן פעטער סעריאָזשע. מיר האָט זיך גע־דאכט, אז דאָס עלטערע יאטל איז אלט א יאָר צוועלף, די איבעריקע האָב איך ניט באוויזן ווי עס באדארף צו זײַן באטראכטן: מײַן אופמערקזאמקײַט האָט צוגעצויגן דאָס סאמע קלענסטע אײפּעלע — א מיידעלע מיט פוכקע אויסגעשמירטע באקן און אזעלכע שווארצע גלאנצנדיקע אויגן, וואָס פאר־גלײַכן וואָלט מען זיי קאָנען עפשער נאָר מיט רײַפע גרויסע ווײַנשל.

— ווי רופט מען דיך?

— ליובע.

איך האָב א גלעט געטאָן אירע צעשויבערטע האָר.

— און מיך — פארוק!

— מיך — דזשאודאט!

די קינדער האָבן געשריגן, איבערגעשלאָגן איינס דאָס אנדערע, גע־שטופּט זיך מיט די אקסלען.

א יאטל פון א יאָר זיבן טוט א שטופּ אָפּ אין א זײַט די ברידער, וועל־כע האָבן זיך אָנגעכאפּט אין מײַנע קני, און רופט אויס:

— מיך פרעג! איך וויל זאָגן. איך בין אכמעט.

פארוק צערעוועט זיך. עס הייבט זיך אוף א גוואלד. בלויז דער עלטס־טער — א דארער, ברוינער, גרויסשטערנדיקער — שווײַגט ווירדיק. נאָר ווען איך פרעג, ווי ער הייסט, ענטפערט ער גערן:

— גענקע.

מײַן פרוי קוקט אף מיר און שמייכלט, אָבער אין אירע אויגן פינקלט אן אומעטיקער פאָרוואורף. גיי ווייס, וואָס עס קימערט זי.

א דורכדרינגענדיקער קוויטש, וואָס קומט פון אויבן, צעקאלויצעט די לופט. מיר טוען זיך א דריי אלע מיטאמאָל. די קינדערלעך ווערן אנשוויגן: אין א צעעפנט פענצטער פונעם צווייטשטאָקיקן מויער שטייט די מאמע פון די קינדער, די מומע מאריאם, און פאָכעט צו זיי מיט די הענט. איר שטערן איז איבערגעבונדן מיט א האנטעך, א סוואָרע, קעדיי שטילן דעם קאָפּווייטעק.

אָן כיישעק הייבן אָן די קינדער אָפּטרעטן פון אונדז. מיר פארשטייען, אז די שכיינע רופט זיי צו זיך. גענקע נעמט ליובען פאר א הענטל און פירט זי אוועק. נאָך אים לאָזן זיך די איבעריקע.

מיר זעצן זיך אוועק אף א באנק לעבן פלויט.

לויט דעם, וויאַזוי מײַן פרוי נעמט זיך אײַנהילן אין איר כאַלאַט, ארופלייגנדיק איין פאָלע אף דער צווייטער, פארשטיי איך, אז זי דארף מיר עפעס זאָגן. איך שווײַג, כאָטש איך שטויס זיך אָן, פארוואָס זי איז אומעטיק. און בעעמעס, זיפצנדיק, ברענגט זי ארויס:

— ווען כ׳זע דיך מיט קינדער, צווישן א סאך אייפעלער, קום איך צום אויספיר, אז מיר זײַנען דאלפאָנים.

דערווידערן איז ניטאָ מיט וואָס.

זיצן מיר אזוי זאלבעדריט, אקסל צו אקסל, און קוקן, ווי עס דער־ברענט די שקיִע איבער אונדזער גרויסן הויף.

— ס׳וואָלט גוט געווען פארפלאנצן דאָ א גאָרטן, — זאָגט שטילערהייט מײַן פרוי. — און בלומען אויך.

איך צווייפל:

— וואָס פאר א פרוכט־בוים וועט עס אויסשטיין קעגן דעם פעטער סעריאָזשעס כאַליאַסטרע? און אף קווייטן זײַנען הינער באַלאָנים.

— פאראן סאָרטן, וואָס הינער פיקן ניט.

— הער מיך אויס, לענע, — זאָג איך, אן אופגערודערטער, און דערפיל זיך אף א רעגע ווי א דערפינדער. — ס׳איז אן אידייע! מע מוז דען אומ־באַדינגט פרוכט־ביימער? מע קאָן דאָך פארזעצן אנדערע מינים.

אף מאָרגן האָבן מיר זיך שוין באשעפטיקט מיט גרייטן דעם באָדן פאר די פארפלאנצונגען. דאָס איז געווען, ווי עס האָט זיך ארויסגעוויזן, א זאך א קאָמפליצירטע. מיט פיל יאָרן צוריק, נאָך פאר דער רעוואָליוציע, איז דאָ געווען אן ארײַנפאָר־הויף, דאָ פלעגן זיך אָפשטעלן אף נאכטלעגער באַלעגאָלעס. דער באַלעבאָס האָט ספעציעל פארברוקירט דעם הויף מיט שטיינער, קעדיי די וועגענער זאָלן ניט זינקען. די יאָרן האָבן באדעקט דעם ברוק מיט א פלאַסט ערד. גראָז וואקסט דאָ, אָבער די בוים־וואָרצלען וועט זײַן זייער שווער זיך דורכרײַסן דורכן גראַניט. אף דעם מישפּאָכע־סאָוועט איז באַשטימט געוואָרן: די שטיינער אויסגראָבן.

אינמיטן דער ארבעט גייט צו צו אונדז ליובע, ווי אן אלטע באַקאַנטע, שטרעקט אויס איר הענטל, זאָגט מיט א דינינק קעלכל:

— א גוט העלף אײַך! וואָס טוט איר?

— מיר גראָבן אויס שטיינער, — דערקלער איך און דערלאַנג איר די האַנט.

— צוליב וואָס דאַרפסטו די שטיינער?

איך דערקלער איר, און ליובע שליסט זיך באַלד אײַן אין אונדזער אַרבעט. פליײַסיק אײסעקט זי זיך מיט אַ שווערן שטיין, קרעכצנדיק שלעפּט זי אים פון דער ערד. ליאָווע העלפט איר. אײנצווײיען קײַקלען זײ אַרוף דעם שטיין אויף דעם הויפן שטיינער. ליובע קוקט אויף אונדז מיט שטאָלץ: וויל דערגײן, צי האָבן מיר אָפּגעשאַצט ווי עס דאַרף צו זײַן איר טירכע.

— ביסט אַ העלד. — לויבט זי ליאָווע. — אָן דיר איז די אַרבעט געגאַנגען שווערער. איצט זעסטו, סאַראַ באַרג ס'איז אויסגעוואַקסן!

ליובע זעצט זיך צו אָפּרוען אַ ביסל.

אײַנגיכן האָבן זיך צו אונדז פאַרײניקט די ייִנגלעך. אײנער פון זײ רוקט אַרײַן דעם קאָפּ אין דעם צעעפנטן טירל, קריכט אַרײַן אין הויף, דערנענטערט זיך צו ליאָווען און רירט זיך צו מיט די פינגער צו זײַן אַרבל.

— אָ, פאַרוק! — רופט זיך אָן ליאָווע, אויסגלײַכנדיק די פּלײצע.

— איך בין ניט פאַרוק. — דערווידערט אומצופרידן דאָס ייִנגעלע. — מיך רופט מען גומער.

— אויב דו ביסט גומער, טאָ שטעל זיך לעבן מיר, אַהער.

דאָס ייִנגעלע טוט אַ שמאָרע מיט דער נאָז, שטעלט אוועק דעם פוס אויף אַ שטיין:

— איך מעג?

— פאַרוואָס ניט?

דאָס ייִנגעלע טוט זיך אַ דרײ און אַנטלויפט. אָבער אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער ווידער דאָ — שוין מיט אַלע זײַנע ברידער צוזאַמען.

ווײַזט זיך אַרויס, אַז די כעוורע זײַנען זעלטענע אַרבעטער. אַלע האָבן זיך געסטאַרעט, און די עלטערע, באַזונדערס גענקע, האָבן טאַקע אײנדערעמעסן אַ סאַך אויפגעטאָן. כאָטש אָן קײן סקאַנדאַל איז מען זיך אויך דאָס מאָל ניט באַגאַנגען. גומער און אַכמעט האָבן פאַרפירט אַ געשלעג צוליב עפּעס אַ שטיין, אָן שום סיבעס האָט געווײנט פאַרוק.

אין אַ וואָך אַרום האָט דער פעטער סעריאָזשע געבראַכט צו פירן אַ פולן וואָגן מיט פלאַנצונגען. ער האָט מיטן אַקסל אויפגעהויבן פון אײן זײַט דעם וואָגן, און די דאַרע קליאָנעלעך האָבן מיטאַמאָל, שורשענדיק, זיך אַראָפּגעגליטשט אויפן גראָז.

דערזען דעם טאטן, לאָזט זיך ליובע לויפן צו אים. דער פעטער סע־ריאָזשע צעשמייכלט זיך ווייך מיט זײַנע שמאָלע אויגן. ליובע שטעקט אַרײַן די האנט אינעם טאטנס קעשענע, שלעפּט ארויס פון דאָרטן א קאָנ־פעטל, באוויַיזט עס, בארימעריש, די ברידער. אָבער קיבעד באקומען דער־נאָך אלע.

איך קוק אף זיי דורך דעם פענצטער.

די קינדער בעטן דעם טאטן, ער זאָל זיי לאָזן אפן וואָגן. דער פעטער סעריאָזשע שאָקלט מיטן קאָפּ אף יאָ. ער זעצט ארוף ליובען אין דער סאָ־מע מיט, געבקע העלפט די ברידער. מיט א פריילעכן געפילדער קײַקלען זיך ארוף די קינדער אפן וואָגן און פאָרן ארויס פון הויף.

ווען די כעוורע קערן זיך אום, טרעפן זיי אונדז בא דער ארבעט. עטלעכע קליאָניקלעך שטייען שוין אין זייערע נעסטן.

— איר פארשפעטיקט! — שרײַט אויס ליאָווע.

די קינדער טאָפּטשען זיך שווײַגנדיק אף איין אָרט.

ביז ס'איז טונקל געוואָרן האָבן מיר פארפלאנצט אלע ביימלעך.

רעגנס האָבן אָנגעהויבן גיסן, פארפלייצט מיט קאליוזשעס אונדזערע פלאנצונגען. מיר האָבן געמיינט, אז אלץ איז שוין פארפאלן. שפּעטער מיט א צײַט האָבן א קלאַפּ געטאָן פרעסט אָן שנייען. די ביימלעך, ווי אײַנ־ליכטלעך. נאָר אונדזער שרעק איז געווען אומזיסט.

איינמאָל, אין פרילינג, רופט מען מיך אין אינסטיטוט דרינגענד צום טעלעפאָן.

— די קנאָספּן ווערן אָנגעבראקנעט, — דערהער איך לענעס קאָל. איך בין דערשראָקן, כ'פארשטיי זי ניט.

— וואָס איז געשען? — שרײַ איך אין טרײַבל.

— זיי לעבן! די קליאָנען! אינגיכן וועלן זיך אויספּיקן בלעטלעך.

די ביימער זײַנען געוואקסן גיך און ווילד. פארוואָס, ווייס איך ניט. מיסטאם האָט אונדז פאָשעט אָפּגעגליקט — באקומען אזא מין שנעלוווקסיקן סאָרט פלאנצונגען. שוין אינמיטן זומער האָבן אפילע מיר, די דערוואקסע־נע, זיך געקאָנט אויסבאהאלטן פון דער זון אין די קליאָנען־שאָטנס, דאָס קליינוווארג איז ביכלאל פון אונטער די ביימער ניט ארויסגעקראָכן.

איינמאָל, סאָף יון, בין איך אופגעשטאנען גאנצפרי. אין הויף האָב איך געטראָפן גענקען. ער האָט עפּעס מאָדנע באטראכט די קליאָנען.

— זיי געפעלן דיר? — האָב איך אים א פרעג געטאָן.

— מעסוקן! — האָט ער געענטפערט מיט א ציטעריק קאָל און צוגעגעבן היספּײַלעסדיק: — זייער בייגעוודיקע!

„באם יאטל איז בעלי־סאָפּעק פאראן א געפיל פאר שיינקײַט", — האָב איך א טראכט געטאָן. מיך האָט אויך דערפרייט דאָס, וואָס גענקע קלײַבט נאכעס פון זײַן טירכע — נאָר פארוואָס האָט ער זיך פארלאָרן, באגעגענענדיק מײַן בליק?

אין צוויי טעג ארום, אומקערנדיק זיך פון אינסטיטוט, האָב איך לעבן טויער פון אונדזער הויף זיך אָנגעשטויסן אף גענקען. ער האָט געטראָגן א בויגן מיט א פּעקל פּײַלן אין די הענט. דאָס ייִנגל איז פלינק דורכגעלאָפן פארבײַ מיר. איך בין ארײַן אין הויף און דערשטוינט געוואָרן: אונדזערע קליאָנען זײַנען פארשוווּנדן! אָנשטאָט זיי האָבן פון דער ערד געשטעקט הוילע האָלץ־הערנער.

אָט פון וואָס גענקע האָט געמאכט זײַן בויגן מיט די פײַלן! א דערצאָרנטער. טו איך זיך א ריס צו די שכיינים — קיינער פון זיי איז אין שטוב ניטאָ. לענען און ליאָוועז האָב איך אויך ניט געטראָפן. עס איז דורכגעגאנגען עפּשער א האלבע שאָ. די קריוודע האָט אין מיר איבערגעזאָדן. ערשט איצט האָט זיך אין הויף באוויזן די מומע מאריאם. זי איז ארײַן פון דער גאס־זײַט, פירנדיק פאר א הענטל די טאָכטערקע. ליובע איז געווען פארבאנדאזשירט — דער קאָפּ און דאָס פּאָנעם פארוויקלט אין א בלוילעכער מארליע. אפן פּאָנעם האָבן געפינקלט בלויז צוויי גרויסע שווארצע ווײַנשל.

— אין שפּיטאָל געווען! — האָט בייז געזאָגט די מומע מאריאם, נאָר אין אירע אויגן און אף דעם אויסגעמאטערטן פּאָנעם איז געלעגן אזויפיל גוטסקײַט, אזויפיל אומבאהאָלפנקײַט, אז באליידיקן זיך אף איר האָט מען ניט געטאָרט. זי טוט א ווונק אף דער טאָכטערקע. — א באנדאזש געמאכט. גענקעס פײַל און בויגן. פארוווּנדעט!

די פארוויינטע ליובע האָט אומעטיק א שמייכל געטאָן.

איך האָב באשטימט מאכן א שווײַג וועגן די אומגעבראכטע ביימלעך. דער מומען מאריאם איז גענוג אירע אייגענע צאָרעס. גענקע האָט יענעם טאָג מיך אויסגעמיטן. באגעגנט האָבן מיר זיך צופעליק, א ביסל שפּעטער, לעבן קוואל מיט שטארק קאלטער און, ווי בא אונדז האָט מען גערעכנט,

היילבארער וואסער. גענקע האָט געשלעפּט באַרג־אַרוף אַף אַ קאַראַמיסלע צוויי פולע עמער. דערזעענדיק מיך, האָט ער זיך פארויטלט און אַראָפּגע־לאָזט דעם קאָפּ.

קוקנדיק אַף גענקען, האָב איך באַשלאָסן, אַז מוסערן אים איז ניט קעדײַ. קינדער בלײַבן שטענדיק קינדער.

איך האָב אָנגעשעפּט וואסער אין מײַן בידאָנדל און געמאַכט אַן אָנ־שטעל, אַז איך האָב גענקען ניט באַמערקט.

מיר זײַנען געווען איבערצײַגט, אַז די קליאָנען־עפּאָפּיי איז פאַרענ־דיקט.

נאָר באַקומען האָט זיך אַנדערש. די איבערגעבליבענע צווײַגן האָבן מיט נאָך אַ גרעסערן אימפּעט זיך אַ ציי געטאָן צו דער זון. די דרעמלענ־דיקע קנאָספּן אַף די פאַרבליבענע האָלץ־הערנער האָבן זיך אופגעכאַפּט פון שלאָף און פאַרשײַט געגומען וואַקסן. אַזויאַרום האָבן מיר אין האַרבסט נאָכאַמאָל באַקומען אַ וועלדל, אַפילע אַ בעסערס, ווי פריִער, איצט שוין אַ צווייקאָליריקס — פון אונטן, ביז יענע ערטער, ווו עס הייבן זיך אָן די יונגע שפּראָצונגען — אַ טונקלס, און ווײַטער — איידל־גרינע בלעטער.

און דאָך שטרענג אויסמוסערן גענקען, וואָרענען אים, וואָלט איך גע־דאַרפט. פילנדיק זיך אומבאַשטראָפט, זײַנען די מאַמזיירים, בעראָש מיט גענקען, ווידעראַמאָל אָנגעפאַלן אַף אונדזערע ביימער: דאָס מאָל האָבן זיי, זעט איר, געדאַרפט מאַכן שטעקלעך מיט פאַרשיידענער שניצערײַ.

איצט זײַנען שוין פון אונדזערע קליאָנען געבליבן בלויז פּניאָקלעך.
גיי פאַרשווײַג אַזאַ גאַזלאָנעס.

עס האָט זיך פאַרקאָכט אַן עסיקפּלייש: די מומע מאַריאַם גוואַלדעוועט; דאָס קליינוואַרג שרײַט, פאַרענטפערט זיך; פאַרוק וויינט; דער פעטער סע־ריאָזשע דראָעט ניט אַף קאַטאָוועס גענקען אים שמײַסן מיט די ווישקעס, אַזוי אַז ער זאָל אַף אייביק פאַרלירן דעם כיישעק צו אַזעלכע זאַכן.

לענען האָט זיך מיט גרויסע שווערינקײַטן אײַנגעגעבן שטילן דעם גע־וויטער. עטלעכע כאַדאָשים נאָכאַנאַנד האָט גענקע זיך געסטאַרעט מיך ניט צו באַגעגענען.

ס'איז אָנגעקומען דער ווינטער מיט זאַווייעס, אַפּטע אָדליהעס, פאַר־שאָטן מיט שניי די שיראַיִם פון אונדזערע פלאַנצונגען, און מיר האָבן שוין קימאַט פאַרגעסן אין זיי.

נאָר פרילינג האָט פּאסירט א נעס. די קליאָנעץ זײַנען ווידער לעבעדיק געוואָרן, אָבעראמאָל זיך א יאָג געטאָן צום הימל, אפּסנײַ זיך באפּעדערט מיט גרינס.

איך האָב געקוקט אף זיי און געטראַכט וועגן מײַן אייגענעם גורל. אין טאָך איז דאָס גאָר ניט קיין וואונדער, אזוי איז שטענדיק. וואָס ביטערער די ליידן, אלץ שטארקער דער ווידערשטאנד, אלץ מערער וואַכן אוף קויכעס צום לעבן.

וואָס איז שײַעך די קארבן און שראַמען? אָן זיי, ווײַזט אויס, איז זיך ניט צו באגיין. וויכטיק איז, די וואָרצלען זאָלן ניט אומקומען.

● ● ●

אינהאלט

א אונטערזוכונג 3
טאָמיד פרישע ווערטער 11
אן עקזאמען 17
די בערעזקע 24
אין פערציק יאָר ארום 29
פּאַשעט א לייענער 35
קרויוים 42
קליאָנען 54

אין דער ערשטער העלפט פון 1981
וועלן דערשײַנען אלס בײַלאגעס
צו „סאָוועטיש היימלאנד"

פאָלגנדע ביכער:

יאנוואר — אירמע דרוקער. ליטעראַרישע עסייען

פעווראל — נאַיל ביקענין. אידייִש־מאָראלישע פּראָבלעמען פונעם סאָציאליסטישן לעבנס־אופן

מארט
אפּרעל } — בוזי מילער. מענטשן גייען צו דער ארבעט

מײַ — וויקטאָר מיטראָשענקאָוו. יורי גאגארין

יוני — אירמע דרוקער. ליטעראַרישע עסייען

באָריס מאָגילנער

קרויווים

(פאַרצייכענונגען און נאָוועלן)

מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״ 1980, 64 זייטן
קינסטלערישע און טעכנישע רעדאַקטור —
ס. טשערניאַק, יע. קאַפּלאַן
קאָרעקטאָר — ב. גערשמאַן

Борис Могильнер

РОДНЯ

(очерки и новеллы)

М., «Советский писатель», 1980, 64 стр.
Под общей редакцией А. Вергелиса
Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Каплан
Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 27.06.80. Подписано к печати 18.08.80.
Формат 70×108¹/₃₂. Бумага типографская № 1.
(Условн. печ. л. 2,74). Заказ 2453.
Редакция журнала «Советиш геймланд»
101000. Центр, ул. Кирова, 17.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва 121019, пер. Аксакова, 13.

Supplement to “Sovietish Heimland” N° 11, 1980

© Журнал «Советиш геймланд», 1980.